# בית יעקב
## חודש זשורנאל

אָרגאַן פאַר אינטערעסען פון די בית-יעקב-שולען און אָרגאַניזאַציעס בנות-אגודת-ישראל אין פּוילען

רעדאַקטאָר: א. ג. פרידענזאָן.

**דער ציעל פון די בית-יעקב שולען:**
צו ערציהען די יודישע טעכטער אין גייסט פון דער יודישער תורה און ישראל'ס היסטאָרישע אייביקייט'ס - אידעאַלען.

אַבאָנאַמענטס-פּרייז: אַ יאָהר 8 גילד. אויסל.: 2 דאָלאַר. — געלד פריהערדויס.

אדרעס פאַר געלד:
Łódź, P. K. O. 65.613

**דאָס פּראָגראַם פון בנות אגודת ישראל:**
פליכט-ערפילונג פון דער יודישער פרוי אין דער לעזונג פון די יודישע פּראָבלעמען אין גייסט פון תורה ומסורה

הארכיון היהודי

נומער 50

7 יאַהרגאַנג

ארכיון אסופות

# יובל-אויסגאַבע

טבת - שבט ה'תר"צ

בית יעקב-לודז/גליון/שנה ז/גליון 050-051 a הודפס מתוך הארכיון היהודי
עמוד 1 מתוך 50

# שליסט אייך אן אין דער יובל-קייט פון דער בית-יעקב-ליטעראטור!

## אפעל צו אלע לייענער און פריינד

במשך די אלע פערגאנגענע יאהרען, וואס מיר ארבייטען פארץ שאפען א בית-יעקב-ליטעראטור, האבען מיר כמעט קיינמאל נישט געזאמעלט קיין נדבות. ביי די שווערסטע אומדערטרעגליכסטע בעדינגונגען, וואס עס איז אונז אויסגעקומען די ארגייט צו פיהרען, האבען מיר פארט זיך צוריקגעהאלטען פון בעטען שפענדען, טראצדעם וואס אלע אנהערע פארטייצייטונגען און געזעלשאפטליכע פרעסע טהון דאס כסדר. אונזער שטרעבען איז נאר געגאנגען אין דער ריכטונג, פון סטאבילזירען דעם קיום פון זשורנאל „בית-יעקב" אויף א נארמאלען יסוד, דורכ'ן ווערבירען שטענדיגע זיכערע אבאנעטען.

איצט אבער, נאכדעם ווי א זיבען-יעהריגער עבר שטעהט הינטער אונז און מיר האבען אלע נסיונות ב"ה אויסגעהאלטען און דערפיהרט דעם „בית-יעקב"-זשורנאל צו א יובל-אויסגאבע און טאקי אט די לעצטע אויסגאבע האט איבערשטיגען אלע אונזערע מעגליכקייטען, אזוי דאס מיר זענען געווארען א גרויסער בעל-חוב, ווענדען מיר זיך צו אייך: **שליסט אייך אן אין דער יובל-קייט פון דער בית-יעקב-ליטעראטור, שפענדעט אליין, רופט ארויס אנדערע צו פלעכטען די קייט פון דער בית-יעקב-ליטעראטור, כדי וואס שטארקער און פעסטער עס זאל זיין ארומגעריגעלט יעקב'ס הויז מיט א מויער-שיך פון פרעמדע גייסטער און שעדליכען איינפלוס.**

דער ניי-געזאמעלטער פאנד וועט האבען פאר א הויפט-אויפגאבע, קודם צו פערגרעסערן די צאהל זייטען פון זשורנאל, שוין פון קומענדיגען נומער אן, צו קענען געבען דעם זשורנאל א עכט-גוטען אמת-פיינעם ליטערארישען אינהאלט, ארויסצוגעבען א גרעסערע און ברייטערע קינדער-ליטעראטור ארויסגעבען בראשורען אין יודיש און פויליש פאר דערוואקסענע און דער עיקר, **דערנעהנטערן דאס ערשיינען פון „בית-יעקב" אלס צוויי-וואכען זשורנאל, וואס עס איז ביי אונז שוין א פעסט-בעשלאסענע זאך און מיר פערזיכערן אז עס איז נאר בלויז אפהענגיג א געוויס קאפיטאל צו האבען דערויף אלס יסוד.** מיר ווענדען זיך דירעקט צו אלע וואס לייענען אונזער היינטיגען יובל-נומער, אהן אויסנאם צו אלע וואס לייענען וועגען די דערגרייכונגען פון דער „בית-יעקב" און „בנות"-בעוועגונג און ווייסען די גרויסע ראל, וואס אונזערע בית-יעקב-אויסגאבען האבען געשפילט אין דער ארבייט: זייט וויסען, אז מיר בעטראכטען דאס אלץ, ערשט פאר אנ'התחלה, א שעהנע התחלה, אבער דאך ערשט אלס אנהויב-טעטיגקייט בפועל פון די פיל-צענדליגער פלענער, וואס מיר האבען במחשבה. שוין דאס ארויסגעבען גאנץ בקרוב דעם **ערשטען ארטאדאקסישען אלמאנאך**, פון וואס אונזער היינטיגער יובל-נומער איז גאר א מיניאטור-פארם, וועט זיין א ריזיגע דערגרייכונג פאר דער ארטאדאקסיע בכלל און פאר דער ארטאדאקסישער פרויען-בעוועגונג בפרט.

**געדענקט-זשע, מיט אייער שפענדע און ארויסרופען אנדערע אייער ביישפיל נאכצוטהון, העלפט איהר שאפען א רייכע אמת-יודישע ליטעראטור, פאר אייך, פאר אייערע קינדער און פאר'ן גאנצען ארטאדאקסישען יודענטום.**

**ווארט נישט ביז מען וועט צו אייך קומען זאמלען, מיר ווילען איבערהויפט דאס מאל נישט בעלאסטען אונזערע ארגאניזאציעס מיט'ן זאמלען. זאל יעדער פון אייך אליין געדענקען די פליכט צו דער בית-יעקב-ליטעראטור.**

זיבען יאהר צייט האבען מיר געטראגען די לאסט פון דער גאנצער ארבייט און מיר ווילען מיט פרייד די ארבייט מיט א פיל-פערברייטערטען פערנעם פארטזעצען, זאגט איהרזשע זיך נישט אפ פון א ביסעל מיטהילף, פון פלעכטען א רינג אין דער גאלדענער קייט פון דער נייער געשיכטליכער בעוועגונג, וואס צו איהר ערפאלג און רוהם קאן און דארף יעדער מיט א קליינע אפשפארונג צופיהרען און האבען א חלק אינ'ם גרויסען אידעאל.

מיר זענען זיכער אינ'ם טיפען אפקלאנג פון אונזער יעצטיגען אפעל, נאכדעם, ווי מיר ווייסען, אז אלע, אלע ווילען און שטרעבען, אז די בית-יעקב פאהן זאל פלאטערן איבער גאנץ ישראל!

**שפענדען פאר דער „יובל-קייט" דארפען געשיקט ווערען דורך פ. ק. א. 65.613**

## אפהאנדלונג וועגען יודישע ווערק אין דער וועלט-ליטעראטור אין זשורנאל „בית-יעקב"

אין דעם קומענדיגען נומער „בית-יעקב" פיהרען מיר איין א נייע זעהר וויכטיגע רובריק. אין וועלכען עס וועלען קומען אפהאנדלונגען איבער יודישע ווערק אדער ווערק וועגען יודענטום* אין דער וועלט-ליטעראטור. אלס ערשטען ארטיקעל פון דערדאזיגער סעריע האבען מיר צוגעגרייט די בעריהמטע אפהאנדלונג פונ'ם בעוואוסטען יודישען געלערנטען אין באוועל הרב הגאון ר' מיכאל כהן זצ"ל. איבער שעקספיר'ס אונשטערבליכען ווערק „שיילאק, דער קויפמאן פון ווענעדיג".

דאס דאזיגע ווערק פון דעם גרויסען ענגלישען דראמאטורג האט שוין ארום זיך געשאפען א גאנצע ליטעראטור, און זעהר אפט בענוצען זיך דערמיט די פערשידענע שונא ישראל אנצוווייזען אויף דער בלוט-דורשטיגקייט און געלד-גיריגקייט פונ'ם יודישען פאלק. פון דער צווייטער זייט קומען ווידער אונזערע נישט יידישע פריינד פון וועלט-ליטעראטור און דרינגען ארויס פין דעמדאזיגען ווערק אזעלכע מעלות-טובות פאר אונז יודען, וואס זענען טאקי אן און פאר זיך גאנץ שעהנע מעלות אבער בשום אופן נישט קיין יודישע מדות.

די אפהאנדלונג פון יודישען געלערנטען הרב הגאון ד"ר מיכאל כהן זצ"ל איז אבער אניעכט יודישע ארבייט. געטריי די טראדיציעס פון רעליגיעזען יודענטום, און זיינע שלאגענדע בעווייזען געגען די אנטיסעמיטישע השערות, וואס מען וויל רויסדרינגען פון שעקספירס שיילאק, זענען אזוי שווערוויגיג און וואגיג; אז פון אלע זייערע יודענפיינדליכע ראיות בלייבט איבער א בארג אש. די אפהאנדלונג, וועלכע טראגט דעם נאמען „צי איז שיילאק געווען א יוד?" איז אויפגעשריבען אין א לייכטער אנציהענדער פארם, און לייענט זיך מיט שפאנונג, אז עס פערשאפט ממש א גייסטיגען פערגעניגען.

# מיטארבייטער פון בית-יעקב-זשורנאל



הרה"ג ר' אהרן, לעווין
(ריישער רב—פּרעזידענט פון אלהעלטליכען צ. ר. פון אגודת-ישראל)



מורנו הרב יעקב ראָזענהיים
(פראַנקפורט—פּרעזידענט פון אלוועלטליכער אגודה ארגאַניזאַציע)



הרב דר. פנחס כהן
(וויען—פּרעזידענט פון דער וועלט-עקזעקוטיווע פון אגודת ישראל) *



הרה"ג ר' טובי' יהודא גוטענטאג
(סאָכאטשינער רב)



הרה"ג ר' שמואל דוד לאַסקי
(סאַמבאָלנער רב)



הרה"ג ר' ישעי' רייכער



הרב טובי' האָרוויץ



דר. ש. דייטשלענדער



דר. שלמה עהרמאַן



הרב שמשון שטאַקהאַמער (ווארשא)

ב״ה לאָדז,
טבת-שבט תר״ץ.
זיבעטער יאָהרגאַנג

№ 50-51

Łódź,
Styczeń-Luty 1930
Rok VII

# בית יעקב
## חודש זשורנאל

אָרגאַן פאַר די אינטערעסען פון בית-יעקב-שולען און אָרגאַניזאַציעס בנות-אגודת-ישראל אין פּוילען
רעדאַקטאָר: א. ג. פרידענזאָן

ערשיינט יעדען ראש-חודש

בית יעקב לכו ונלכה באור ה׳
(ישעי׳)

אשה יראת ה׳ היא תתהלל
(משלי)

# הַזּוֹרְעִים בְּדִמְעָה...

א. ג. פרידענזאָן

מיט העכער אַ שמיטה יאָהרען צוריק, איז עס באמת געווען שוין צופיל געוואגט!

„מיר שטרעבען צו בערייכערן די אָרטאָדאָקסישע ליטעראַטור״ (זעה ערשטער פּראָספּעקט).

— אויך מיר אַנ״אַרטיקעל, קיין וויכטיגערע שטרעבונג האָט איהר שוין נישט געפינען אויף דער היינטיגער צייט! ווי זאָגט עפּעס נאַפּאָלעאָן: ווער עס האָט קיין שכל נישט ווי אַזוי בעת אַ מלחמה און נאָך מלחמה צו „מאַכען״ געלט, בלייבט שוין אויף עולם-ועד אַ דלפון... נו, נו, אַז מ׳האָט דערלעבט, שלאָפען צו געהן מיט הונדערטער, אויפשטעהן מיט טויזענטער, און ביים וועט-ברויט שוין צו האָבען מיליאָנען, איז עס טאַקי אַ תכלית׳דיגער ענין צו געהן עוסק צו זיין אין אָרטאָדאָקסישער ליטעראַטור...

איהר ווילט הערען מיין מיינונג—זאָגט צו מיר דער גוטער בעקאַנטער—האַקט אָפּ פון אַזאַ בטלנות, כ׳לעבען, כ׳וואָלט נישט געגלויבט, אַז אייערע מחשבות זענען פערנומען מיט אַזעלכע שטותים. גיט נאָר אַ קוק ווי מיט יעדער שעה ווערט מען נתעשר אויף דער בערזע און ווער קומט דאָס דאָרט נישט אַהין? די סוחרים האָבען פערשלאָסען זייערע קראָמען, די בעלי-מלאכות אָפּגעשטעלט זייערע ווערקשטעלען, די מלמדים און לעהרער אַוועקגעוואָרפען זייער „קנעלעכץ״ און אַפילו די שרייבער לאָזען צו-רוה זייערע פעדער, אַלע וואוינען ממש אויף דער בערזע און איהר גאָר!... צוריקגעשמועסט, כ׳זעה שוין אַז איהר זענט איינגעשפּאַרט, איך באָרג אייך אַ מיליאָן אין טהוט ווי איהר פערשטעהט. נאָר, נאָר—לויפט ער מיר נאָך מיט אימפּעט—ליגט אייך נאָך איבער... פאַר אַ מיליאָן קאָנט איהר נאָך בעקומען אַ ביסעל „לאָקשען״ איילט אייך אָבער צו. מיר וועט איהר צוריקגעבען אַ מיליאָן, איך פערלאַנג נישט מעהר...

עס ווילט זיך אַליין נישט גלויבען אין דעם וואָס די פעדער האָט אויפגעשריבען: „דער זשורנאַל „בית יעקב״ וועט דינען אַלס אָרגאַן פאַר די יודישע פרויען און טעכטער וואָס שטעהן אויפ׳ן טראַדיציאָנעלען יסוד, וועט זיין דאָס בעסטע לייען-מאַטעריאַל פאַר דער יודישער פרוי״ (דאָרט אין פּראָספּעקט).

איך לייען פאַר בכתב, די דערמאָנטע שורות אין אַ קרייז פון יונגע עסקנים בעת דער ערשטער כנסיי גדולה אין ווין. זיי זענען אַפּנים צופרידען פון דער פ אַ נ ט אַ ז י ע און ווערען אויף אַ ווייל מיטגעכאַפּט פונ׳ם בעגייסטערטען טאָן אינ׳ם לייענען, אָבער באַלד געפין איך זיך אונטער אַ קרייץ-פערהער און עס האַגעלט מיט שאלות:

— זענט איהר טאַקי [illegible] צו מיינען, אַז די יודישע טעכטער וועלען לייענען א י [illegible] ע ן זשורנאַל?

— און נאָך דערצו אַ נ אָ ר ט אָ ד אָ ק ס י ש ע ן מיט מאמרים וועגען יהדות און יודישקייט?

**אפשר די אַלטע באָבעס, וואָס לייענען נאָך דעם**

— כ׳בעט אייך, לייענט ווער פון די פרויען די אָרטאָדאָקסישע טאָג-צייטונג „דער יוד״? אויב, יאָ, פאַרוואָס צווישען אַ יאָ און אַ ניין געהט אויס די צייטונג מיט אַ מיתת-נשיקה... די פרוי, וואָס האָט מעהר צייט, דעצידירט דאָך, וואָסאַראַ צייטונג עס זאָל אין הויז אַריינקומען!

קאָנט איהר גאָרנישט די שטימונג צווישען די יונגע יודישע טעכטער און ווייסט איהר דען נישט, אַז זיי וועלען איבערהויפּט נישט נעמען דעם זשורנאַל אין דער האַנד אַריין?

— — — — — — — —

איך האָב צוליב געטהון מיינע חברים און מיר זענען אַריבער אין אַ שמועס וועגען אַנדערע ענינים, וועגען „ערנסטערע״ פּראָבלעמען און שוין רעזיגנירט פון נאָכאַמאָל צו עצה׳נען זיך מיט וועמען ס׳זאָל נישט זיין אין דער זאַך...

אין אַ בריף פון פרייטאָג פּ׳ ואתחנן תרפ״ג שרייבט צו מיר די ג. פרוי שענירער: „אָקאָרשט וואָס איך קום פון אַ רייזע פון וואַרשא, לײדער בין איך אויסער זיך פון דער בעציהונג פון וואַרשאַווער יודישע מיידלעך צו תורה און יודישקייט און ווי לאַנג נאָך וועט מען אין דער פוילישער רעזידענץ וואַרטען מיט דער גריגדונג פון אַ בית-יעקב-שול? איך בין געווען אין אַ עכט-יודיש הויז, וואו דער פאָטער איז זאָגאַר אַ פיהרער פון דער אַגודה. נאָך מיט דריי יאָהר צוריק האָט אַ מיידעל פון דערזעלבער פאַמיליע געזאָלט פאָהרען[*] קיין קראָקא אין „בית יעקב״ אָבער עס איז נישט געשעהן און איצט, אָ, שוין אינגאַנצען פערלוירען! איך טרויער אמשרעקליכ׳טען אויף דער חורבה אין די פיל פרומע הייזער און וואָס טהוט דערצו די אַגודה? איז עס דען נישט איהר הייליגסטער חוב. אַזוי גוט פאַר די טעכטער-ערציהונג צו זאָרגען, ווי זי טהוט עס פאַר די זיהן? אַדרבא, וועמען וועלען דאָס די אָרטאָדאָקסישע יודען געבען אַלס פרויען זייער פרומע בחורים? עס דאַרף דאָך דער הייליגסטער פליכט פון דער אגודה צו זיין, בית-יעקב-שולען צו שאַפען און זיך מיט זיי צו אינטערעסירען — אָבער געניג, דאָס איז נישט אין מיין האַנט...״

איז דערפון צוגעקומען אַ נייער זאַץ אין פּראָספּעקט: „דער זשורנאַל „בית יעקב״ וועט שטעהן אויף דער וואַך, אַז די „אגודת ישראל״ זאָל פערשפּרייטען אַ נעץ פון אָרטאָדאָקסישע טעכטער-שולען אין אַלע שטעט און שטעטלעך!

זענען אַוועק אַ סעריע מאמרים אין זשורנאַל „דער ציל פון די בית יעקב שולען״ „לאָדז און די יודישע טעכטער״ „אונזערע טעכטער שולען?״ „טעכטער ערציהונג״ „אפשר שוין צייט?״ „אַנ׳אַפּעל צו די מאַמעס!״ „אַז דאָס איין ריהרט זיך נישט״... די אָרגאַניזירונג פון אָרטאָדאָקסישע יוגענד-פרויען״ „אַ הימעל-שרייענדע עולה!״ „געדענקט אָן הנוך הבנות!״ „הויבט דאָך אָן צו פערשטעהן!״... „זאָרגט פאַר אייער צוקונפט!״ „געדענקט אָן ... ווער איז שולדיג?״

ארכיון אסופות
הארכיון היהודי

"דאָס בית יעקב פּראָבלעם" "וואָס פעהלט די יודישע טעכטער?" "אגודת ישראל און בית יעקב" "די פליכט פון דער פרוי" א.אַ.וו.

דאָס זענען נאָר די טיטול־קעפּ פון איינינע פּראָפּאַגאַנדע אַרטיקלען א חוץ די צענדליגער ליטערארישע אַרבייטען, וואָס האָבען זיך במשך די ערשטע צוויי יאָהרגענג געדרוקט אין זשור־נאַל, פון פערשידענע מחברים (ס'רוב האָט די רעדאַקציע אָנגע־וויזען די מיטאַרבייטער אויף דער טעמאַ) און ביים שלוס פון צווייטען יאָהרגאַנג האָבען מיר שוין אַ ציפער פון 49 שולען מיט 6585 תלמידות אָהן ע"ה...

פאַר אָט די צוויי יאָהר האָט די רעדאַקציע נאָר געטראַכט פון עיקר־ציל, פון אידעאַל, יעדעס נייע שטעטעל, וואָס האָט פערלאַנגט דעם זשורנאַל, איז געווען ווי אַ אבן־טוב, אַ נייעם לייענער האָט מען אויסגעקוקט ווי אויף משיח'ן. יאָ געלט, בישט געלט, אַבי לייענט, אינטערעסירט זיך מיט דער ב"י בעוועגונג און דאָס איז אונוער שכר... דאָס קאָנטאָ־בוך האָט מען נאָר אַמאָל פון יוצא־וועגען אַדורכגעבלעטערט ביז, אָ, ביז... דער דרוקער האָט מבשר בשורה געווען, אַז דער טערמין פון די וועקסלען איז נאָהנט און ווייטער געהט עס מעהר נישט...

---

אינצווישען עגבערן אין מוח נייע פראַגען:

וואָס גיט מען צו לייענען די קינדער אין דער שול? אַ לידעל, אַ מעשה'לע, אַ קינדער־שמועס, אַבילדעל א. ד. ג. פונ־וואַנען נעמט מען דאָס? וואָס טהוט מען מיט מאַטעריאַל אויף אַ אָוועגט. אַ קינדער־פערוויילונג, אַ שומא־דפגרא פייערונג?

דעם רוב פערוואַלטונגען פון די שולען אינטערעסירט דאָס אַלץ גאָרנישט. זיי האָבען דאָך אַ לעהרערין, וועלכע זיי גיבען שכירות. נו, איז דאָס זייער עסק? זאָל זי שרייבען קיין קראָקאָ, קיין לאָדז, קיין וואַרשא אַבי עס זאָל זיין און געניג...

צוגעקומען הייסט עס אַ נייע וויכטיגע אַרבייטס־צוויג, אַ קינדער־ליטעראַטור צו שאַפען און אויך דאָ מוז מען אָנהייבען. און אַז מען מ ו ז איז דאָך נישט שייך, האָט זיך בעוויזען אַ קינדער־זשורנאַל "קינדער־גאָרטען" און ביים היינטיגען טאָג האָבען מיר אָפּגעדרוקט אַ שיינע פאָר הינדערט מעשה'לעך פאַר אונזערע קינדער, אַ צעהנדליגער גוטע לידלעך, קינדער־פאָרשטעלונגען און עס שאַפט זיך ב"ה אַ קינדער־ליטעראַטור אויך. *

און אַז עס זענען שוין געווען שולען האָט מען געדאַרפט אַ טראַכט טהון: וואָס וועט זיין מיט די קינדער נאָכ'ן ענדיגען די שול? דאַרף מען הייכט עס אַאָרגאַניזאַציע שאַפען און זאָל זי הייסען "בנות־אגודת־ישראל"! מוז מען קאָנפערענצען רופען, פּאָ־פולער מאַכען דעם געדאַנק און בכלל מוז דאָך די בעוועגונג האָבען אַ טריבונע, אַ בימה פון וואַנען איהר וואָרט זאָל געהערט ווערען אין דער יודישער פרויען־וועלט. האָט זיך ווידער דער זשורנאַל "בית־יעקב" בעוויזען און פון דעמאָלט אָן, אָנהייבענדיג ביי אַ פאָר זייטלעך אין אַ קליינעם ביכעל־פאָרמאַט, איז במשך פינף יאָהר דער זשורנאַל געוואַקסען צו זיין איצטיגער מדרגה.

---

לייענען שוין יאָ די יודישע טעכטער יודיש און מיט פרייד לייענען זיי אין די טויזענטער ז י י ע ר אָרגאַן, און די ט ו י ז ע נ־ט ע ר לייענערינס בליקען מיט צושטראַהלטע אויגען אויף די בית־יעקב בלעטער. זיי לעבען און דענקען אונזערע טייערע, טאַקי שוין א י נ ג אַ נ צ ע ן אונזערע שוועסטער, מיט די גע־דאַנקען און געפיהלען פון אָרט. יודענטום.

מוז אָבער דער זשורנאַל, אַ גוטער זיין, אַ וויסענשאַפטלי־כער, אַ אמת־ליטעראַרישער, אַ פיינער און גייסטרייכער. דער זשורנאַל "בית־יעקב" מוז אויך ווערען אַ אָפטער גאַסט אין יו־דישען הויז, ווי אַמגיכסטען כאָטש אויף יעדען צווייטען שבת זיך בעגעגנען מיט זיינע לייענער און לייענערינס, דאָס קען און דאַרף געשעהן און מיר זאָגען, אַז עס מוז געשעהן!...

און נאָך ווייטער זענען מיר גרייט מקיים צו זיין דעם, הזורעים בדמעה...

# א. ב. עקערמאַן

# ווילען און מעגליכקייט

(מעין אַ בעגריסונג לכבוד אַ יובילעאום)

איך האָב בייגע־וואוינט דעם צוזאַ־מענפאָהר פון די "באַ"י" דעם פער־גאַנגענעם זומער. איך האָב געזעהן דעם גרויסען ענטו־זיאַזם, די טיפע פער־שטענדניש פון די אַנטייל - נעהמערינס אין צוזאַמענפאָהר, פאַר דער גרויסער אידעע פון רעליגיעז אויפצולעבען די יו־דישע פרויען, און רעליגיעז צו ערציה־ען די ווייבליכע יוגענד.



א. ב. עקערמאַן
(וואַרשאָ)

פערשטעהט זיך אַז פול מיט פרייד ווערט דאָס האַרץ, זעהענדיג אַזוי פיל פערשטענדניש און געפיהל פאַר אַ אידעע, פאַר וועלכע מען לעבט און מען קעמפט; פאר וועלכע מען שרייבט און מען טהוט.

גלייכצייטיג איז אין מוח דורכגעלאָפען דער שווערער געדאַנק איבער די נאָך שווערערע מעגליכקייטען, יעדען גוטען ווילען צו רעאַליזירען.

וואָרום אויב עס האַנדעלט זיך וועגען גערעכט זיין, איז דאָך זיכער, אַז מיט מיט אונז איז גלויבען, געדאַנק, געשיכטלי־כער אמת און ערפאַהרונג, אָבער ווען מען קוקט אַרום זיך, זעהט זיך אָרימקייט און עלענד, און ביי דער וועלט אַזאַ שפע פון עשירות און וואוילטאָג.

און איך האָב זיך געטראַכט, אַוודאי עס איז זעהר שעהן ווען יונגע יודישע טעכטער קומען זיך צוזאמען צו דעמאָנסטרי־רען פאַר דער וועלט זייער צוגעבונדעקייט צו אמונה און מסורה, אָבער צי קענען מיר פון יוגגע יודישע קינדער פערלאַנגען, אַז זיי זאָלען העלדען זיין?

אַזוי האָב איך זיך געטראַכט בעת איך האָב בייגעוואוינט דעם אימפּאָזאַנטען צוזאַמענפאָהר—דעם פאָריגען זומער.

ווען איך זעה אָבער די מסירת־נפש פון די מענשען וואָס שטעהן אין דער שפּיץ, פערשווינדען מיינע ספקות.

ווען איך זעה, אַז טראָץ אַלע שוועריגקייטען, אויף צו להכעיס דער אָרימקייט גיט מען אַרויס פראַכט נומערען און מען פייערט יובילעאומס ב"ה, הויב איך שוין אָן גלויבען, אַז דער שטאַרקער ווילען וועט מוזען דורכברעכען, און גוטען ווילען האָט מען דאָך געזעהן אַזוי פיל, אַזוי שטאַרק.

דעריבער מיינע ליבע און טייערע, נעמט אָן מיין בעשיי־דענע ברכה, אַז פון אייער גוטען ווילען זאָל גאָר נישט גצמי־נערט ווערען, און אייערע מעגליכקייטען זאָלען אייך פסדר צוקומען.



בית יעקב-לודז/גליון/שנה ז/גליון 050-051 a הודפס מתוך הארכיון היהודי

# מיטארבּייטער פון בּית־יעקב־זשורנאל


ש. שאכנאָוויטש (פראנקפורט)


אַלכסנדר זושא פרידמאַן (וואַרשא)


יהודה לייב אָרלעאַן (וואַרשא)


שמואל ראָטשטיין (וואַרשא)


שבתי שײַנפעלד (ווינ)


לייבּל הורוויץ (איש לוי) לאָדזי


מאיר שוואַרצמאַן (סעדלעץ)


פ. שפּיטלעוויטש (ת. סיף—מלצדע)


בּנימין זוסמאַן (קראָקא)


יעקב צבי (לפּזי)

ארכיון אסופות

שרה שעניר ער

# א וואָרט צו אַלע מיינע יודישע שוועסטערן

עס ליגט פאַר מיר, א בריף פון דעם ג. רעדאַקטאָר פונ׳ם „בית יעקב״-זשורנאַל, אין וועלכען ער לאַדעט מיך איין אָנצוּשרייבען עפּעס לכבוד דעם „יובל-נומער״. בליצט מיר אַדורך א געדאַנק: צו וויסען די אַלע לעזערינס פונ׳ם זשורנאַל די בעדייטונג פון וואָרט „יובל״?

כ׳בין דאָ נישט אויסען, ח״ו, קיינעם צו בעליידיגען. אָבער ווי בעוואוסט, איז, וואָס מעהר מיר בעשעפטיגען זיך און פערטיפען אין אונזער תורה הקדושה, און בעמיהען זיך מיט איהר גייסט אַדורכצונעהמען וואָס מ הר ליכטיגקייט און גאהרונג געפינען מיר דאָרט פאַר אונזערע דאָרשטיגע נשמות, וועלכע בענקען פון תמיד אַריינצודרינגען טיפער אין דער געטליכער לעהרע.

דער פסוק זאָגט (ויקרא, בהר, כ״ה. ח.): „וספרת לך שבע שבתות שנים שבע שנים שבע פעמים. והיו לך ימי שבתות השנים תשע וארבעים שנה״ דו זאָלסט צעהלען זיבען שמיטות יאָהרען, זיבען מאָל צו זיבען יאָהר. צוזאמען וועלען דיר זיין די טעג פון די זיבען שמיטות 49 יאָהר.

ווטער שטעהט דאָרטען: „דו זאָלסט לאָזען בלאָזען שופר אינ׳ם זיבעטען חודש, אינ׳ם צענטען תשרי, יום כפור זאָל דער קול פונ׳ם שופר דורכגעהן איבער׳ן גאַנצען לאַנד״. „איהר זאָלט היילגען דאָס פיפציגסטע יאָהר, און איהר זאָלט ארויסלאָזען אפרייהייטס-גרוזעץ פאַר אַלע איינוואוינער פונ׳ם לאנד; יובל זאָל עס זיין פאַר אייך, און יעדער זאָל צוריק קומען צו זיין פאַמיליע״.

ארכיון אסופות הארכיון היהודי

„וספרת לך״ ציון ד׳, דאָס בעציהט זיך צום בית-דין הגדול, די תורה-אויטאָריטעטען. נאָר דורך זיי קענסטו צוקומען צו אַלגעמיינע סאָציאַלע פרייהייט, וועלכע ס׳ברענגט מיט זיך יעדעס יובל-יאָהר.

„וספרתם לכם״ — איהר זאָלט ציילען פאַר אייך, דאָס ספירה-נעזעץ, וואָס עס ליגט אויף יעדען איינעם. איהר זאָלט ציילען די טעג פון יציאת מצרים ביז מתן-תורה, יעדעס יאָהר זאָלט איהר זיך אָן דעם דערמאנען, אז דערפאַר האָט אונז השי״ת פון מצרים ארויסגענומען כדי מקבל צו זיין די תורה, פיהרען א פריש לעבען מיט אינערליכער זיטליכער פרייהייט.

דיביידע ספירות זענען מיט זיך ענג פערבינדען. די פּאָליטישע פרייהייט האָט מען געקאָנט בעקומען פאַסיוו, אַלס מתנה פון הקב״ה, אָבער די זיטליכע פרייהייט נאָר נאָך אָנגעשטרענגטער ארבייט מיט זיך אַליין.

טעג און וואָכען צעהלען מיר, כדי מיר זאָלען זיך קאָנען יעדען טאָג, יעדע וואָך א דין וחשבון אָפּגעבען, מיט וויפיל מיר זענען מעהר פעהיג די תורה-טרעגער צו זיין, ג—ט — אַלס בעשעפער און הערשער צו אָנערקענען. יאָהרען און שמטות צעהלען מיר. ביז מיר זענען ווערט אונזער ג—ט אַלס אייגענטימער פונ׳ם גאנצען נאציאָנאל באָדען אָנצוערקענען ביז מיר זענען זוכה א יובל-יאָהר צו דערלעבען, א יאָהר פון פרייהייט פאַר יעדען איינעם.

און ווי ארום ווערט די דאָזיגע אַלגעמיינע פרייהייט אָנגעזאָגט? „והעברת שופר תרועה״ —

„דו זאָלסט לאָזען בלאָזען מיט׳ן שופר״. דער ערשטער רוף קומט דורכ׳ן שופר, דורך וועלכען אויך מיר דערהאַלטען א רוף פון בעשעפער אַליין. דער סיגנאַל ווערט נישט מיט חצוצרות, מיט טראָמפּייטען, — קינסטליך פון מענש אויסגעארבייט — אַרויסגערופען, נאָר מיט׳ן קול פון שופר, מיט וועלכעס אויך השי״ת האָט אונז ביים בארג סיני צו אונזערער הייליגער אויפגאַבע ארויסגערופען. און ווידער מוזען מיר בעטראַכטען די דאָפּעלטע בעדייטונג פון יובל-שופר מיט׳ן ראש השנה שופר. די ביידע תרועות זענען „בשופר״, אַלזאָ אין נאָמען פון ג—ט. דאָס וואָס די „תרועה פון ר״ה״ בעדייטעט פאַר דער זיטליכער בעציהונג פון מענש צו מענש פאַר ג—ט דאָס זעלבע בעדייטעט די „תרועה של יובל״ פאַר די סאָציאַלע בעציהונגען.

מ ט דער „תרועת של ר״ה״ טרעט הקב״ה אַריין אין אונזער קרייז אַלס איינציגער האַר און מלך-המלכים און ציהט אונז אַרויס פון דער פערפרעמדונג, צו וועלכער עס האָט אונז צוגעפיהרט דאָס נישט געטריע ערפילען פון זיינע הייליגע געזעצען. די יעהרליכע ר״ה-תרועה וועקט אונז צו די זיטליכע פרייהייט, צום זיטליכען יובל, פונקט ווי דער יובל-שופר דערמאָנט אונז וועגען דער סאָציאלער פרייהייט.

אָט אַזעלכע ר״ה און יובל געדאַנקען וועקט אין מיר אויף דער „בית-יעקב״-יובילעאום. פונקט ווי אין 10-טען תשרי אין יום-כפור און יובל האָט אומעטום געשאַלט דאָס קול פונ׳ם שופר, וועלכעס האָט אין אַלע יודישע ערטער גערופען אין נאָמען פון הקב״ה צוריקצוקעהרען צו איהם, צוריקצובעקומען די פערלוירענע זיטליכע ריינקייט, דאַרף מען פערמעגען, וואָס מיר בעזיצען, אַזוי דאַרף אונז דער בית-יעקב-יובילעאום נישט לאָזען רוהיג זיצען, מיט פערלייגטע הענד, נאָר מאכען אַ דין וחשבון. נישט בעגניגען בלויז מיט זיך נאָר אויך פערשפּרייטען די אידעאַלען צווישען די רעשט אונזערע שוועסטער, וועלכע זענען נאָך נישט צוגעטרעטען צו אונז, אַזוי לאַנג ביז דער בעגייסטערונגס-פלאַם פון אונז ערהייליגע תורה-אידעאלען וועט אדורכברעכען זייערע פערגליווערטע הערצער, און זיי וועלען איינשטימיג צושטעהן צו אונזער הייליגען בונד אונטער דעם דעוויז! עבדו את ד׳ בשמחה! און דאן „וקדשתם״ — און איהר זאָלט הייליגען דאָס פיפציגסטע יאָהר!

טייערע שוועסטער! הייליג מוז פאַר אונז ווערען די נייע עפּאָכע, וואָס דאַרף זיך אַנהויבען מיט׳ן ערשיינען פונ׳ם „יובל-נומער״ פון דעם „ב״י-זשורנאַל״! איהר אַלע דאַרפט פערשטעהן, אַז דעם הייליגען געדאַנק קען מען פיל לייכטער פערשפּרייטען דורכ׳ן געדרוקטען וואָרט, און דאַדורך מוזט איהר זעהן צו פערשפּרייטען דעם „ב״י-זשורנאל״ אין אַלע קלענסטע שטעטלעך, אין אַלע ווינקעלעך וואו אַ יודיש הארץ קלאפּט, דען ער איז דער איינציגער וואָס רעדט צו אונ ער הארצען, וואָס לערענט צו פערשטעהן די הייליגע מיסיע, וואָס איהר טראָגט אויף אייך, און דעם גרויסען פערטרויען, וואָס השי״ת האָט געהאַט צו אינז, אָנטרויענדיג אונז דאָט כשרות, די הייליגסטע משפחה-געזעצען און דאָס וויכטיגסטע, און דאָס טייערסטע, די קינדער-ערציהונג.

אָבער ליבע שוועסטערן! איך ווייס אַז צו בעגייסטערן פבר עפּעס א אידעאל איז זעהר לייכט, אָבער אַז די בעגייסטערונג זאָל אָנהאַלטען יאָהרען-לאַנג, ס׳גאנצע לעבען אזוי לאַנג ווי השי״ת גיט חיות און כח — דאָג פעהלט אונז, יודישע טעכטער, אמת הרסטען, און דעריבער רוף איך אייך דורך דעם יובל-נומער: געדענקט, אז דער אידעאל איז נישט ווי די אנדערע אידעאלען, דאָס איז אונזער לעבען, און דער אידעאל דאַרף אונז בעגלייטען ביז׳ן סוף פון אונזער לעבען!

און השי״ת זאָל העלפען, אַז די אהבה און יראה צו איהם, וואָס ער האָט איינגעפלאנצט אין יעדען יוד׳ס הארץ זאָל פלאַמען אָהן א סוף, וואָס ווייטער העכער און העכער ביז אַלע וועלען איינשטימיג אויסרופען: בית יעקב לכו ונלכה באור השם!

# יום-טוב אינדערוואכענס...

פון א. מ. ראגאווי

איך מיין, אז עס איז נישט קיין גוטער סימן דאס, וואס ביי יודען פרוכפערט זיך אזוי לעצטענס מיט שמחות. יום-טוב אינדערוואכענס איז היינט ביי אונז און נישט עפעס אכתם דערוואכענס, נאר א גרויער, א פערכמורעטער — א שווארצער.

נישטא דער טאג, וואס זאל נישט ברענגען מיט זיך קיין שמחה, דא א יובילעאום, דארט אן אקאדעמיע, דא א קבלת-פנים פאר א „פרעזידענט" און דארט אן אויפנאמע, א מיניסטא-רישע — הכלל, א סעזאן פון שמחות.

קוקט מען זיך אבער גוט איין אין די דאזיגע שמחות, וויל מען זיך אין זיי דערגרונטעווען — זעהט מען, אז דאס איז א ראזע פארב אויף א באק פון א שווינדזיכטיגען. יא, מיר קנאפען זיך די באקען, אז זיי זאלען זיין רויט, אבער דאס איז נישט דער מארגען-רויט, פון א אויפגעהענדער זון, וואס זאגט אן א שענעם, העלען טאג, נאר דאס איז דער רויט פון א בין-השמשות, נאך וועלכען עס קומט א שווארצע, א פינסטערע נאכט...

א געזונט פאלק מיט געזונטע לעבענס בעדינגונגען פייערט נישט, א געזונט פאלק ארבייט און שאפט און אין אט דער הארמאנישע גע-פינט עס די פרייד פון לעבען. „עס איז זיס דער שלאף פון ארבייטענ-דען" — לערנט אונז א פסוק. אבער נישט בלויז דער שלאף איז זיס, נאר אויך די ארבייט, די שווערע פראצע איז זיס, זי פילט אויס דעם אינהאלט פון לעבען, מאכענדיג עס בעטעטיגט און אנגענעם. מיר יודען זענען אבער א פאלק פון געצוואונגענער לעדיגגעהעריי, די קללה פון גלות האט אונז געמאכט פאר לופט-מענשען. „מיר לעבען פון דער לופט" — אזוי זאגט מען געוועהנ-ליך. עס איז אבער נישט אזוי; מיר לעבען נישט פון דער לופט, נאר מיר מאטערן זיך פון דער לופט און אין דער גרויסער מאטערניש ארדנען מיר זיך איין געקינצעלטע שמחות, מיינענדיג אזוי ארום צו פערטרייבען דעם אומעט, אבער ארויסקומען קומט נאר דערפון ארויס א פרזעהעניש, א חוזק-לעבען אין איהר דראמאטישסטער געשטאלט.

אלזא, האלטען מיר היינט ביי דער סדרה יובילעאומ'ס, די יודישע גאס איז פעררוישט מיט א מבול יובילעאום-אימפרעזעס און אין אט דעם טומעל רוקט זיך ארויס דער „בית-יעקב"-זשור-נאל און זאגט אן זיינע לעזער, דעם כלל ישראל: גוט-יום-טוב יודען, איך בין דא אט ווי איהר זעהט מיך, אויסגעפוצט אין די בגדי שבת, מיט אן אויסגעצוואגענעם קאפ און מיט א ריינעם, ווייסען קאלנער...

— גוט יום-טוב, גוט יום-טוב, ליבער ר' „בית יעקב", אבער וואס זעהט איהר אזוי שלעכט אויס? וואס ליגט עפעס אויף אייך אזא מרה-שחורה? אייער סורדוט איז טאקי א ביסעל אויסגעריבען, אבער ניש-קשה ער זעהט אויס א שבת'דיגער, דער חן פון יודישער יום-טוב'דיגקייט ליגט אויף איהם, אבער די צורה אייערע. דאס פנים — א שרעק; זייט אזוי גוט, און היט איך נישט פאר אנ'אלטען גוטען פריינד, איהר האט זיך פאר מיר נישט וואס צו שעמען, בויגט אייך אראפ צו מיר און רוימט מיר איין אין אויער, שטיל, שטיל, קיינער זאל נישט הערען, ווי עס איז אייער מצב, אפשר ליידט איהר הונגער, אפשר זענט איהר קראנק אויף סוכאטע — שעמט אייך נישט, רעדט אייך אראפ פון הארץ, אפשר וועט אייך לייכטער ווערען...


בית יעקב
ארטאדאקסישער חודש-זשורנאל.
Łódź, Luty 1924 r. | ROK I-szy | № 1(2)
צי ... זיך ווירקליך דאס יודישע לאדז ... ארטאדאקסישע טעכטער-שולען?
א. ג. פרידענזאן.

ערשטער ארטיקעל פון רעד. פרידענזאן, וועגן דער וויכטיגקייט צו גרינדען בית-יעקב-שולען אין לאדז. (ב"י אדר פ"ד)

איך האב דאן א שארפען בליק געגעבען אויף ר' בית יעקב'ן און געזעהען האב איך צוויי גרויסע. אבער פערטרערטע אויגען, א יונג פנים אבער בעדעקט מיט קנייטשען פון אלטקייט, ער ווידער זעהענדיג: אז עס רעדט צו איהם ווירקליך א פריינד, האט זיך צו מיר אראפגעבויגען און ... גערירהטקייט צו מיר געטהון אזוי זאגען:

— איהר זענט גערעכט, ר' קרוב, איהר האט גוט תופס געווען מיין לאגע, בסך הכל בין איך זיבען יאהר אלט און שטאמען שטאם איך פון א נגידיש, בכבוד'יג הויז, איך וויים וואס מען דארף און ווי מען דארף אויסזעהען, איך האב זיך תמיד בעמיהט און בעמיה זיך ווייטער צו האלטען מיינע שפאלטען מיט א נגידישער רחבות, אבער וואס קומט ארויס, מיין גאנצער לעבענס-וועג איז א לעבען, אין דחקות, אויף גאלע נסים, ביי יעדען מאל ערשיינען בעגראב איך מיך פאר חרפה, ווייל איך מוז דערצעהלען מיין ארימקייט און בעטען הילף; איז דען במילא א וואונדער — האט ער אויסגעלאזט מיט א טרויריגען נגון — וואס איך זעה אזוי אויס...

אויסהערענדיג דידאזיגע טענות, האב איך ערשט פערשטאנען די גאנצע טראגעדיע פון אזא יובל-שמחה. ביי לייטען לעבען אב זשורנעלער גאנצע 50 יאהר, איידער זיי זענען זוכה צו א שטיקעל יובילעאום, ביי אונז אבער איז יעדער ערשינענער נומער א נס און ביים בעוויזען זיך פון א נומער, ווילט זיך באלד אריינפאלען אין א יובל-פרייד, עס ווילט זיך פשוט א „שהחיינו" מאכען...

יא, מיר פייערען היינט א זיבען-יעהריגען יובילעאום פון בית-יעקב-זשורנאל, עס איז ביי אונז יום-טוב אינדערוואכענס, הלוואי דעם 50-יעהריגען יובילעאום ביי א בעסערען פינאנציעלען מצב אין א פרעהליכערע שטימונג...



בית יעקב-לודז/גליון/שנה ז/גליון 050-051 a הודפס מתוך הארכיון היהודי

# וואָלף יאַקאבזאָן

# איום=טוב פאַר אונז אלע

צום יובל-נומער פונ'ם בית-יעקב-זשורנאַל

### א.

נשים עם בפני עצמן הן (שבת ס"ב:) — „די פרויען זענען אַ פאָלק פאַר זיך". דאָס וואָרט פון דער גמרא איז מעהר ווי אַ פעסט-שטעלונג, וועלכע וויל גע-וויסע הלכות בעגרינדען, דאָס איז דער שליסעל צו אַ אַנדערע וועלט. אָט צו דער וועלט פון דער פרוי, צו אַ וועלט וועלכע סדרנט איהר לעבען נאָך אייגענע געזעצען, און סדרנט עס ריכטיג, אַזוי לענג ווי זי בלייבט אין דעם גבול פונ'ם ב—טליכען געזעץ, פון זיין תורה.



וואָלף יאַקאבזאָן
(האַמבורג)

וואָס איז די וועזענטליכע דיפערענצירונג צווישען מאַן און פרוי? אויך דאָ וויל איך אַ וואָרט פון אונזערע חכמים, וועלכעס האָט בעצם אַ ענגערן זין, צו אַ ברייטערע בעדייטונג דערהייבען. „אשה תובעת בלב ואיש תובע בפה וזו היא מדה טובה בנשים" (עירובין ב') „די פרוי פאַרלאַנגט אין האַרצען, דער מאַן מיט'ן מויל, און דאָס איז די גוטע מדה ביי די פרויען".

דער מאַן פערלאַנגט מיט'ן מויל: וואָס ער וויל האָבען דאָס פאָדערט ער, וואָס ער פערלאַנגט זאָגט ער אָפען ארויס. איהם האָט מען דאָס לשון דערצו געגעבען, זיינע געדאַנקען, זיינע פערלאַנגען און זיינע פאָדערונגען אָפען ארויסצוזאָגען. אַנדערש, גאַנץ אַנדערש, איז עס ביי דער פרוי. אירע איידעלע און אינערליכע פערלאַנגען, איהרע הייסע בענקענישען, דרימלען אויפ'ן גרונד פון איהר האַרץ, אין [illegible] פון איהר נשמה. אמת'ע פרויענקייט הייסט טאַקי זיך פון אַלעס אָפּזאָגען, וואָס דאָס לעבען גיט נישט פון זיך אַליין.

און צניעות, דער סימבאָל און דער יחוס פונ'ם אמת'ן פרויענקייט, הייסט טאַקי דעריבער קודם-כל זיך בעהערשען, עניוות, פאַרזיכט און צוריקהאַלטונג.

דער חכם אין דער סביבה פון די מענער, איז כנגד דער אשה חכמת לב אין דער שורה פון די פרויען

„אשה", פרוי, וועלכע וויל אין דער סביבה פון איהרע הבר'טעס גישט מעהר זיין, ווי איינע צווישען אַ סך, איז „טוב", איז די טרעגערין פון אַלדאָס גוטס און ברענגט יעדען גוטס. — „האשה", די פרוי, וועלכע שטרייכט אונטער איהר „איך" און שטעלט זיך און פרעגט, איז „מר ממות".

די „אשת חיל" עפענט איהר מויל מיט חכמה, און „תורת חסד" פליסט פון איהרע ליפּען, מיט איהר האַרץ פערלאַנגט זי און מיט איהר האַרץ גיט זי, דורך די חכמה פון איהר האַרץ ווירקט זי און דער העכסטער אויסדרוק פון איהר חכמה איז — חסד.

### ב.

און ווייל די פרוי האָט איהר אייגענע וועלט, די וועלט, אין וועלכער דאָס האַרץ רעגירט, דעריבער זענען די דרכים, וועלכע פיהרען צום חנוך פון אַ דור פון נשים צדקניות, דרכים מיט אַ בעזונדערען מהות. דברו על לב ירושלים, זאָגט דער נביא, ווען ער וויל טרייסטען ירושלים, די האַרין צווישען די פעלקער, די פירשטען צווישען די לענדער. צום האַרצען פון דער פרוי מוז דער וועג גיין, אויב מ'וויל אַז דער ערפאָלג זאָל בליהען אויף זיין זייט. און ווען דאָס איז אָנגע-גאַנגען אין אַלע צייטען, גייט דאָס היינט טאָפּעלט אָן. היינט, ווי די פרוי וויל אין אַלע זאַכען שטיין גלייך מיט דעם מאַן, אויך אין דעם דערגרייכען צו בילדונג און צו וויסען אָן אַ גבול. דען דער טיפּ פון דער „געבילדעטער פרוי" איז בעצם נישט קיין יודישער. טיפּ כאָטש די יודישע געשיכטע קען פרויען מיט אפילו נביאות'דיגע מעלות און מיט העכסטער גייסטיגקייט. די העכסטע מתנה וועלכע ג—ט גיט דעם מאַן, איז דאָס ווייב, וועלכע וועקט איהם און טרייבט איהם צו גייסטיגער אַרבייט: ומ"ד* אשה משכלת. און ווען דער מלבי"ם אין זיין פירוש צו תהלים אין קאפּ. מ"ה זאָגט, אַז די גייסטיגע כחות שטעלט דער פסוק פאָר אין דעם בילד פונ'ם מאַן, זעהן מיר דעם כח פון ד-ר נשמה אין דער געשטאַלט פון דער בת מלך. דאָס איז דעריי-בער די אויפגאַבע פון דער אמת'ער חנוך-קונסט: די דרימלענ-דיגע כחות צו וועקען, די פעהיגקייטען אויסצובילדען און די בינה יתירה, די פעהיגקייט זיך אין דעם פנימיות פון די זאַכען, צו פאַרטיפען, מיט וועלכע ג—ט האָט די פרוי טאַלענטירט נישט פאַר דער גייסטיגער השגה נאָר פאַר דעם זעלישען געפיהל אויסצונוצען.

אלי' הנביא האָט בעצייכענט די אויפגאַבע פון דער פרוי מיט די ווערטער: „מאירה עיניו ומעמידתו על רגליו" (יבמות ס"ג.) זי „דערלייכט איהם (דעם מאַן) די אויגען, און שטעלט אויף זיינע פיס". אויף דעם אופן מוז די פרוי זיין אַן עזר דעם מאַן, זי זאָל איהם אין זיין רוחניות'דיגען שטרעבען מעורר זיין, איהם אין זיינע חומריות'דיגע מעשים שטיצען. אַזוי ווייניג ווי ס'געפעלט אונז די „געבילדעטע פרוי", אַזוי ווייניג קענען מיר זיך פאָרשטעלען, אַז די פרוי, וועלכע איז בעשטימט צו הויכע אויפגאַבען אין דער זייט פון איהר מאַן, זאָל ליידיג זיין פון יעדער גייסטיגקייט. אַזוי דאַכט זיך, אַז דער ריכטיגסטער וועג פאַר דער אמת'ער פרוי איז: דערציהונג צו האַרצענס-ביל-דונג און צו נשמה'דיגער און דאַדורך צו מיוחס'דיגער און איידעלער גייסטיגקייט.

### ג.

ווי איז עס מיט'ן „לערנען" פון דער פרוי? מיר ווייסען, אַז נישט נאָר אין דער גמרא, גאָר אַלע מפרשים האָבען עוסק געווען אין דער שאלה. מיר האָבען פון איין זייט דאָס שאַרפע וואָרט פונם ירושלמי (סוטה פ"ג הל"ד) „בעסער די תורה פער-ברענען, איידער צו לערנען מיט פרויען". און פון דער אַנדערער זייט ווייסען מיר, אַז די פרויען זענען מחויב במצות הקהל, און ווי דער „קרבן עדה" זאָגט דאָרט אויפ'ן אָרט: „די פרויען קומען הערען, כדי זיי זאָלען בעגרייפען ווי די מצות ריכטיג מקיים צו זיין". מיר ווייסען, אַז דער פאָטער איז מחויב צו לערנען תורה מיט זיין טאָכטער, דאַגעגען זאָגט ר' אליעזר: כאילו מלמדה תפלות. (דאָ וויל איך אָבער בעמערקען, אַז דער תוספת יו"ט האָט אַ סך מילדערע איבערזעצונג פאַר'ן וואָרט תפלות, ווי מיר זענען געוואוינט צו איבערזעצען.) מיר ווייסען אויך, אַז די משנה (נדרים פ"ד ס"ז) רעדט פון תנ"ך אונטערריכט מיט


בית יעקב-לודז/גליון/שנה ז/גליון 050-051 a הודפס מתוך הארכיון היהודי

טעכטער איך וויל דאָ אָנווייזען אויף דעם מאמר פון הרב ר׳ שמשון רפאל הירש ז״ל (צו דברים י״א י״ט), דער עיקר אויף דעם טעם, פארוואָס דעם דרש פון בניכם ולא בנותיכם, איז געזאָגט געוואָרען אויפ׳ן „ולמדתם״ און נישט אויף דעם „ושננתם לבניך״ — און מיר דאכט זיך, אז אויף דער שאלה איבערן איכות און אויף דעם כמות פונ׳ם לערנען פון דער יודישער פרוי קען מען נישט בעסער ענטפערן, ווי אָט טאַקי מיט די ווערטער פון הירש זצ״ל: „דאָס פערשטייען און די קענטניסען פון דער יודישער תורה אויף אַזויפיל, כדי „ויראו את ד׳ אלקיהם ושמרו לעשות את כל דברי התורה הזאת״, וואָס פיהרט צום אמת׳ן יראת שמים, צו געוויסענהאַפטער געטרייקייט און צום אמת׳ן קיום המצוות געהער צו דעם גייסט און הארצענסבילדונג פון אונזערע זיהן און פון אונזערע טעכטער״.

און אין אויסנאמספאַלען, דאָרט וואו די הייסע ליבע פון א פרוי צו דער תורה האָט זי געפיהרט צום פערטיפען זיך אין דער תורה און האָט געשאפען דעם זעלטענעם טיפ פון דער „לומדישער פרוי״, דאָרט קען מען בענוצען דאָס וואָרט פונם „תורה תמימה״, וואָס ער ברענגט אין נאָמען פון ספר „מעין גנים״; דאָס וואָרט פון אונזערע חכמים, „כאילו מלמדה תפלות״ גייט נאָר אָן אין דעם פאַל, ווער ס׳לערנט מיט דער טאָכטער ווען זי איז נאָך זייער יונג, ווען ס׳קען נאָך נישט זעהן. ווי זי וועט זיך ענטוויקלען. דאָ מוז מען געוויס מורא האָבען. ווייל ס׳רוב נשים „דעתן קלות״, פערברענגען די צייט מיט הבלים. אז זי וועט אויך גיין דעם וועג. ווען מיר געפינען אָבער פרויען, וועמענס הויכער זין זיי דערצו טרייבט זיך מיט דער אַרבייט ביים הייליגען צו בעשעפטיגען, אזוי מעגען זיי אויף די בערג אַרויפגעהן, צו וואוינען ביים ארט פון זיין הייליגקייט, ווייל דאָס זענען אויסגעצייכענטע פרויען. און דער חוב איז אויף די גייסטיגע פיהרער, זיי אין יעדען אופן צו שטיצען, צו בעשירמען און צו בעשיצען.

ד

אויב מיר ווילען דעם יובילעי-נומער פונ׳ם בית-יעקב-זשורנאל א ליבע אַרויסזאָגען, קומט אונזער גרוס צוערשט צו די פרויען, וועמען מ׳דאַרף, ג—ט צוערשט, און דערנאָך זיי פאר דעם גרויסען ווערק דאַנקען. צוערשט דער פרוי שרה שעני-רער, וועלכע איז באמת אַן אשה חכמת לב. א פרוי, פון וועמענס הארץ ס׳פליסט די חכמה און דער כח-המעשה. און דער-נאָך איהרע העלפערינס, חיל פון איהרע טיכטיגע חברטעס און תלמידות, פאר וועמען ד״ר שמואל דייטשלענדער האָט געקאָנט דאָס כלי-זין. זיין גאנץ טראכטען געהט פאַר זייער ווייטער-אויסבילדען, זייער איסערליכען מצב צו דערלייכטערן. דעם וועג פון זייער לערנען אנגענעהם צו מאכען. דאָס איז זיין שטענדיגע מיה.

פאַר וואָס ליבען מיר בית יעקב? ווייל זיין ציל איז די יודישע טאָכטער — וואָס דאָס מזרח יודישקייט האָט זי כמעט געהאט פערלוירען. לויט׳ן עדות פון גדולים — צו בעזינונג אויף איהר אמת׳ן לעבענס אינהאַלט צו פיהרען. איהר א מין „לערנען״ צו געבען, וועלכעס מאַכט ריינער איהר נשמה, ווייכער איהר הארץ און איהר זין פאר יודישקייט פעסטער און אָפענער.

איין בליק נאָר אויף דעם שול-סדר פון סעמינאַר, אויפ׳ן לערנציל און אויף די ענינים, וועלכע ווערען דאָרט געלערנט, און מען זעהט באַלד, ווי דאָ ווערט אַלעס צו א תכלית העליון געפיהרט; די יונגע לעהרערינס זעליש ריינער צו מאכען, מוה׳דיג צו פערטיפען, אַז זאָלען אליין ווערען צו אַ קוואל ברכה, אַז זיי זאָלען קענען דאָס געלערנטע מיט אנדערע לערנען. יענץ חשוב׳ע וואָרט פון דער גמרא; „תלמיד גדול שמביא לידי מעשה״ האָט זיך צו אַן אמת בעוויזען ביי דער אַרבייט פון בית-יעקב אָט יענץ לערנען איז גרויס, וועלכעס פיהרט צו מעשה צו דער פאסונג פון פערזענליכקייט, און אַזוי שטעהט דער גע-

דאַנק פון בית-יעקב כמעט ווי א סימבאָל ביי בידע גרויסע אמונה-אַקטען וועלכע הייבען אָן און ענדיגען די געשיכטע פון אונזער פאָלק. ביי מתן תורה זאָגט הקב״ה: „כה תאמר לבית יעקב״ און ביי אחרית הימים, ווען משיח וועט קומען און די פעלקער וועלען זיך פערבינדען מיט ישראל און די גאַנצע מענשהייט וועט ג—ט לויבען שטעהט „בית יעקב לכו ונלכה באור ד׳.״ דאָס איז דער בטחון, אַז די פרוי מיט דער רייכקייט פון איהר נשמה, מיט׳ן ריינקייט פון איהר האַרץ, איז די היטערין פון דער ג—ט׳ס אידעע און וועט זי טראָגען דורך אַלע צייטען פונ׳ם סיני ביז אַחרית הימים.

ה

דאָס וואָס די בית-יעקב בעוועגונג האָט אַריינגענומען אַזאַ שטח און איז געוואָרען א ברכה פאַר אַלע מזרח-יודען, איז נישט נאָר אַליין דאָס פערדינסט פון די מיסדים און די מיטאַר-בייטער. די פרוי פערלאַנגט נאָר מיט׳ן האַרץ, און דעריבער ווערט איהר שטימע אין דער הייליגער צייט גאָרנישט געהערט. אַז דער בית-יעקב האָט זיך געקענט אַדורכזעצען, איז געוויס אויך דאָס פערדינסט פון די מענער, וועלכע האָבען פאַר דעם הויך פערלאַנגט, נאָך דער טבע פון די מענער „ואיש תובע בפה״. און דעריבער נישט צולעצט, א דאַנק דעם ריהרעוודיגען בית-יעקב-זשורנאַל, וועלכער איז געוואָרען צו א קול-קורא פון דער ב״י-אידעע און בנות-אָרגאַניזאַציע און וועלכעס מ׳הערט זעהר, זעהר ווייט...

ווען דער זשורנאַל פייערט היינט זיין יובל-נומער, איז דאָס אַ יום-טוב פאַר אלע וועלכע זענען אינטערעסירט און ווי-לען, אַז ב״י זאָל וואַקסען. און דעריבער ווילען מיר דער צייטונג וועלכע איז פיל, פיל מעהר ווי אַ פשוטע צייטונג. וועלכע איז דאָס גוטע געוויסען פון דער ב״י-בעוועגונג ברענגען אונ-זערע האַרציגע ברכות. אין כח המעשה, אין דעם אידעאַליזם און אין דעם מסירת-נפש פון איהר רעדאַקציע ליגט די ברכה וועלכע רוהט איבער דער אַרבייט: וברכתיך בכל אשר תעשה. מיר ווינשען, אַז ס׳זאָל זיך אין די שפאַלטען פון דעם זשורנאַל א תמיד וואַקסענדיגע און אַ תמיד שטאַרק בליהענדע ב״י אַרבייט אָפשפיגלען. און אין דער ברכה פאַר׳ן עתיד איז דער דאַנק פאַר דער אַרבייט ביז אַהער צוזאַמען פערבונדען.


אבאניר*,
לייענט,
פערשפרייט
די איינציגע אָרטאָדאָקסישע
טאג-צייטונג
„דאס
יודישע
טאגבלאט״



בית יעקב-לודז/גליון/שנה ז/גליון 050-051 a הודפס מתוך הארכיון היהודי

# דר. נתן בירנבוים

# ישראל׳ס התחייבות *)

די „מיסיע פונ׳ם יהדות" איז א וואָרט, מיט וועלכען מען האָט זיך מיט גאָר נישט לאַנג צוריק בענוצט, כדי א געוויסען יודישען עולם צו ווייזען דאָס יהדות אין א מין פערגילדונג, אין וועלכער זיי האָבען זיך געקאָנט שפּיגלען און וועלכע האָט דערביי נישט געשטערט זייער אַסימילאַטאָרישע תאווה. דער דאָזיגער עולם איז שפּעטער געוואָרען קלענער און זיך וועניגער גערעשט — א דאַנק דעם, וואָס



ד״ר נתן בירנבוים

א אַנדערער עולם, וועלכער האָט איהם פּלוצלינג בעגאָסען מיט געשפּעט: וואָס פּלוידערט איהר פּאַר שטותים, וועלכע זענען אייך צו גאָר נישט מחייב, בשעת דאָס יודישע פאָלק טראָגט איבער די שרעקליכע צרות פונ׳ם גלות.

אמת, די שפּעטער זענען בעיקר נישט גערעכט געווען. וואָרום, ווי שלעכט ס׳זאָל נישט זיין דער מצב פון יודען אינ׳ם גלות בנוגע זייער לעבען און זייער כבוד, און ווי נויטיג ס׳זאָל נישט זיין, אַז דער מצב זאָל בעסער ווערען — פּאָרט זענען וויכטיגער די תביעות פונם יהדות, איידער יענע דאגות. אָבער פון דעסטוועגען, דאָס געשפּעט, מיט וועלכען מען האָט מכבד געווען די מבשרים פון דער „מיסיע פונ׳ם יהדות", האָבען זיי זיך געהאַט „כשר" פערדיגט, ווייל זייער „מיסיע פונ׳ם יהדות", לויט ווי זיי האָבען זי משיג געווען, האָט אויסגעפעהלט הן יהדות, הן מיסיע. דאָס וואָס זיי האָבען אָנגערופען מיסיע, איז געווען עפּעס אַ מין לזכרון, אָהן מהות און אָהן פאָרם, אַ מיטגעשלעפּטס אָהן רצון אָדער מיט אַ האַלבען רצון, צוליב רגילות אָדער צוליב קווענקלען זיך, אויפ׳ן בעסטען אופן אַ ברי׳, וואָס איינער בעשאַפט זיך כאות נפשו אין וועלכער ס׳פעהלט דער רוח-חיים פון אַ פאָלקס-רעליגיע אויפ׳ן יסוד פון מתן-תורה און מסורה. און וואָס זיי האַבען אָנגערופען די מיסיע פונ׳ם יהדות, איז געווען אַ מין „פּאָליטיש-סאָציאַל-קולטורעלער" קאַריעריזם פון אַ יודישען פאָלק אויף אַלע ירידים, וועלכען זיי האָבען אויסגערופען מיט אַ היינטוועלטיגען קלות-דעת — אַ זאַך אָהן אחריות, אָהן ערענסטע מעגליכקייטען, אָהן אַ זמן פרעון נישט קיין ווי מען האָט געקאָנט מיינען לויט׳ן נאָמען — התפעלות׳דיגע השגה פון אַ רעליגיעזען גורל, נישט קיין קול-קורא צו דרכים און מעשים, נישט קיין נעמען אויף זיך אחריות׳ען און התחיבותען, נישט קיין שליחות אינ׳ם הארטען מיין פונ׳ם וואָרט.

נאָר דאָס בעטייט נישט, אַז ס׳איז גאָר נישט בנמצא קיין מיסיע פונ׳ם יהדות, זי איז פערהאַן און קיין שום געשפּעט פון אַ דור וואָס, איז זיך מספּיק מיט צייטישקייט און וועלטישקייט, קען זי מבטל זיין. פערהאַן אַ מיסיע פונ׳ם יהדות אָדער — כדי אויסצומיידען דאָס דאָזיגע וואָרט, וואָס האָט שוין אַ שלעכטען קלאַנג און דערמאָהנט אַ חוץ דעם נאָך אין נישט געווינשענע ענינים — אַ התחייבות פונ׳ם יודישען פאָלק, אַ התחייבות, וואָס לויט׳ן עדות פון דער תורה און לויט׳ן עדות פון דעם, וואָס א ביז אַהער מקוים געוואָרען — די השגחה האָט איהם צוגעטיי און צו וועלכען די נביאים האָבען עס תמיד מעורר געווען: היילִיגען זיך און דערמיט צו פאַרדינען פאַר זיך און פאַר אַ מענשען-ברידער דאָס „אחרית הימים", צו הייליגען זיך און דע מיט צו ווערען אַ מוסטער פאַר אַלע פעלקער. צו זיין דאָס גור פאָלק, פון וועלכען ס׳געהען כסדר אַרויס התעוררות׳ען אויף גאַ דער וועלט.

אמת, ס׳איז שוין אַ היפש ביסעל צייט אַוועק, זינט ישרא האָט געמאַכט די ערשטע טריטען כדי מקיים צו זיין זיינ התחייבות׳ן — דעמאָלט דורך זיין גובר זיין אין גאַנצען די עבוד אלילים, צווישען דעם אייגענעם פאָלק און דורך זיין גורם זי דאָס פראָגרעס פון הכרת ד׳ צווישען די אומות העולם. קי ווייטערדיגע טריטען זענען ביז אַהער גישט געמאַכט געוואָרען,- בפרט נישט בנוגע אַנ׳עליה אין ענין מדות, וואָס נאָכ׳ן ערשט נצחון דאַרף זי, דאַכט זיך, זיין דער עיקר פונ׳ם יודישע התחייבות. אַמאָל זעהט אפילו אויס, גלייך יודען וואָלטען אַציג וייט געוועזען פון זיין אַ ראַי-פאָלק ווי ווען אַמאָל. נאָר מע האָט דאָך נישט חוזר געווען פון אויסדערוועהלונג. און דאָס יהדו גופא איז דאָך דאָס אייגענע ווי פריהער הן אין תוכן הן אין מוסר איז דאָך ראוי, געגוי, ווי פריהער, דורך זיין פנימיות׳דיגע דיס ציפּלין, מקיים צו זיין זיין התחייבות אויף נייע אופנים. פערשטעה זיך, נישט עפּעס אַ יהדות, וואָס שווימט אַרום, אין געוויסע צייַ שטראָמען; נישט געבענדיג זיך צו דערקענען, אויך נישט קיי יהדות, וואָס מען האָט עס מאָדערן אויסגעפּוצט, נישט קיין אומ רעליגיעז יהדות, נאָר דאָס יהדות, דאָס אַלטע, דאָס נישט צובראָכענע און נישט פערבויגענע, דאָס נישט פאַרפאַלשעוועט רעליגיעזע, פאָלקס-פעדאַגאָגישע יהדות פון דער תורה.

דאָס אָבער, וואָס די היינטיגע נאמנים לתורה ווילען נישט אַרויס קיין גרויס חשק, צו בענוצען זיך מיט דער בעזונדערער הכשרה פונ׳ם יהדות, מקיים צו זיין זיינע התחייבות׳ן; וואָס זיי שמייכלען, וויבאַלד מען רעדט מיט זיי וועגען דער אַרבייט ביי זיך אַליין, מיט וועלכער אַ צאָהל פון גרייטע מענשען וויל מאַכען אַנ׳אָנהויב; וואָס זיי שאָקלען מיט די קעפּ, וויבאַלד מען זאָגט זיי, אַז ס׳מוזען בעשאַפען ווערען, געוויסע הנחות, כדי ס׳זאָל זיך קענען אויפהייבען דער מצב פון געפיהלען און מדות ביים יודישען כלל?... נו, מען דאַרף דעריבער נישט פערלירען דעם קוראַזש און דאָס געדולד. צי אַביסעל שפּעטער צי אַ ביסעל פריהער — וואָס מעהר פון זיי און אויך וואָס מעהר פון זייערע קינדער וועלען פערשטעהן, אַז זייער שאָקלען מיט׳ן קאָפּ איז געווען כמעט אַ מין אָפּלייקענען דאָס אויסדערוועהלטקייט, פונ׳ם פאָלק ישראל. צי אַ ביסעל שפּעטער, צי אַ ביסעל פריהער — זיי וועלען משיג זיין ג—טס פּלאַן און פאָלגען איהם מיט אַ פריידיגע שטרעבונג, די אָבער וואָס זענען שוין אַציגד דערגאַנגען דערצו, טאָרען נאָר נישט ווערען מיד, יענע מעורר צו זיין.

---

*) פונ׳ם פּראָספּעקט צו דעם נייען חודש-בלאַט „דער אויפשטייג", וואָס דער „עולים" פערלאַג געהט אַרויסגעבען.

הרב
משה חיים לויא

# די יודישע מוטער



הגאון רמ״ח לויא שליט״א
(פרעשאָווער רב)

קלאָר און דייטליך מאָלט אונז די תורה, דאָס בילד פון דער ערנסטער טרייער מוטער, אַ'נ'ם כאַראַקטער בילד פון רבקה, ווי ביי דער ערשטער קלאַסישער שטאַם-מוטער שרה, אַזוי זעהן מיר אויך ביי דער צווייטע די שאַרפע אויסגעפּרעגטע אייגענשאַפטען פון מוטערליכקייט.

אויך ביי רבקה'ן איז בולט צו זעהן אַז מוטערליכקייט מוז ערהאָבערט ווערען. מען מוז דערויף אַרבייטען, מיט זיך קעמפען, עס קומט נישט אָן לייכט, און מ'קאָן דערביי נישט זיין פּאַסיוו. „לפי שהי׳ יעקב ש׳מע לקול אמו נקרא בנה״. (פסיקתא בראשית). „נאָר ווייל רבקה האָט געקאָנט איינווירקען, אַז יעקב זאָל זי פאָלגען, איהר געהאָרכען, דערפאַר ווערט ער אָנגערופען א י ה ר זוהן״.

*

ווען אליעזר איז צו זיי געקומען האָט רבקה געשוויגען. חוץ וואָס איהר גוטסקייט האָט איהר ס'מויל געעפענט און געזאָגט: „טרינק, איך וועל אויך פאַר דיינע קעמלען אָנשעפּען״, חוץ דעם האָט מען פון איהר קיין וואָרט נישט געהערט. נאָר צום שלוס האָט זיך איהר אַרויסגעגליטשט פון מויל: כ'געה — איהר האַרץ זאָגט איהר אַז דאָרט ביי יצחק'ן, וועט זי איהר לעבענס-שיקזאַל געפינען. דאָרט וועט זי איהר מיסיע: צו זיין אַ ערציהערין פון אַ ניי פאָלק, קענען ערפילען, זי פערטרויט דער שטימע פון האַרץ, און זי געהט, זי ווערט געטראָגען פון הויכען בעוואוסטזיין, אַז זי איז בעשטימט מן השמים צו זיין די לייטענדע און ווירקענדע יורשת פון גרויסען אידעאַל, וואָס איז שוין דער וועלט דורך אברהם ושרה בעקאַנט געוואָרען. אויך זי וויל דעם אידעאַל דינען:

צו ערציהען אַ קינד פאַר ג—ט'ס וועגען, וועלכער זאָל דעם הייליגען אמת פון איהר מאַן, און זיין פאָטער ווייטער שפּינען.

„ותתכס, כמו ותקבר ותשבר״ (רש״י) „זי איז מיט דעמזעלבען ערנסט צו דער חופּה געגאַנגען, ווי ווען מ'געהט צו קינד, אָדער מ'געהט צו קבורה״.

געוואָלט האָט די השגחה, רבקה זאָל זיין אַן עקרה, כדי זי זאָל נישט ברענגען דעם נייעם ג—טליכען פאָלק די שלעכטע אייגענשאַפטען פון איהר פאָטערס הויז. זי האָט געמוזט בדרך נס אַ קינד האָבען, ווי שרה, — אַ נייע ערע זאָל זיך אָנהויבען פאַר דער וועלט.

טיף-האַרציג האָט רבקה געבעטען זי זאָל אַ קינד האָבען, אַזוי ווי שפּעטער חנה. אַזוי בעט אויך רבקה אויף אַ קינד, נישט בכדי צו האָבען אַ באַשעפטיגונג, אַ צערשטרייאונג, נאָר בכדי איהר לעבען זאָל אַ זין, אַ תכלית האָבען. זי זאָל וויסען צוליב וואָס זי לעבט. זי זאָל נישט בלויז נעמען פון לעבען נאָר איהם געבען, איהם דינען.

אַזאַ תפלה מוז דערהערט ווערען.

שרעקליך זענען אָבער די יסורים פון טראָגען געוואָרען, די חבלי-הריון זענען נישט געווען צום אויסהאַלטען.

און זי געהט אין בית המדרש פון „שם און עבר״ און קלאָגט זיך פאַר זיי. דאָ הערען מיר, ווי זי ברעכט אויס אין אַ פערצווייפלונג:

„ווען איך וואָלט געוויסט אַז דאָס צער פון טראָגען איז אַזוי גרויס, וואָלט'ך גאָרנישט געווען אַזוי געבעטען״.

? — — —

ווי איז דאָס מעגליך? רבקה די שטאַם-מוטער זאָל אַזוי קלאָגען איבער ק ע ר פ ע ר ל י כ ע יסורים? אָ, זי וואָס איז אויסדערוועהלט אַ פאָלק, אַ הייליג פאָלק צו ברענגען דער וועלט, זי זאָל פאַר דעם זיך אָפּשרעקען?

וועלכער אידעאַל איז אָהן וועהטאָג, אָהן קאַמף אויסגעפיהרט געוואָרען? דערצו נאָך אַזאַ אידעאַל!

און מיט וואָס האָט מען איהר דאָרט דעם שמערץ געשטילט, ווען מ'האָט איהר געזאָגט אַז צוויי פעלקער וועלען פון דיר אַרויסקומען, זי האָט דאָך אויפ'ן צער געקלאָגט און דערמיט איז דער צער נישט קלענער געוואָרען?

נאָר ווי עס ווערט ערקלערט איז איהר צער נישט קיין פיזישער געווען, זי איז מיט אַ גרויסען בשמה-שמערץ צו שם ועבר געקומען.

לויט'ן מדרש איז אין איהר אַ שווערער קאַמף פאָרגעקומען. פאַרבייגעהענדיג דורך אַ בית המדרש האָט יעקב זיך געריסען אַרויסצוקומען, און אַדורכגעהענדיג אַ קלויסטער האָט עשו געוואָלט אַרויסגעהן, דאָס איז איהר אויפּפאַלענד געוואָרען, און איהר האַרץ האָט געשראָקען:

איך האָב אַ לעבענס-אויפגאַבע אַ ניי ג—טליך פאָלק צו ערציהען. און האָב'ך אין מיר אַ מענש מיט אַ שוואַנקענדיגען כאַראַקטער, אַ „פוסע על שתי הסעיפים״. איז אַ בית המדרש לויפט ער, איז אַ קלויסטער לויפט ער ווייטער. פון אַזאַ צווייפעלדיגען, נישט בויגעוודיגען כאַראַקטער, קען קיין גוטס נישט אַרויסקומען.

און זי בעדויערט: אויב אַזוי צי וואָס האָט'ס מיר געטויגט?

האָט מען זי געטרייסט, אויסגערעדט איהר: שרעק זיך נישט דו האָסט אַ צווילינג, אמת איינער געהט אין קלויסטער. דערפאַר אָבער האָסטו אין דיר אַ צווייטען, יעקב, אין איהם וועסטו די פערווירקליכונג פון דיין אידעאַל געפינען.

אַ צופרידענע, בערוהיגטע און גליקליכע איז זי פון דאָרט געגאַנגען און מיט שמחה, די קערפּערליכע יסורים ווייטער געטראָגען.

געגלויבט צו השי״ת: עס איז נישט אַ יי נ ע ר. — — —

ווען רבקה האָט געזעהן די שקיעה פון עשו'ן, אַז ביי איהם ווערען איהרע חלומות צושטויבען, וואַרפט זי זיך מיט'ן גאַנצען ברען פון מוטער-ליעבע צו יעקב'ן — „ורבקה אוהבת את יעקב״. — אָהן אַ שום טעם, אָהן סיבות. זי האָט ליב יעקב'ן ווייל זי מוז איהם ליב האָבען. ער איז אַ חלק פון איהר „זיין״, ר'איז מעהר, ער איז זי אליין. איהר דופק קלאַפּט אין איהם...

יעקב וועט איהר לעבען אַ צורה געבען, ער איז דער ציל פון איהר שטרעבען, ער וועט איהר אידעאַל פערווירקליכען.

(סוף פון אַרטיקעל ועה זייט 38)



בית יעקב-לודז/גליון/שנה ז/גליון 050-051 a הודפס מתוך הארכיון היהודי

# "דאס בלוט פונ'ם נביא..." ד"ר. בנציון פעסלער



דר. בנציון פעסלער

אוז עס קומט זייי נבואָה: — — — דער שונא באַגליקט...
מ'ו שטויב און אין אַש ירושלים שויז ליגט...

... און דאָרט אין בית־מקדש זידט בלוט טיף אוזברייט...
נבוזראדז, דער פעלדהאַר, מיט שטוינעז דאָס זעהט,

ז בלייד דער כהז שעפּטשעט: „אָ, האַר —
דאָ ליגט דערמאָרדעט דער נביא פוז צער!"

דאָ לאַכט פול שפּאָט דער פעלדהאַר דערצו: —
דאָס בלוט פונ'ם נביא, ד י ד ברענג א י ד צו רוה !! — — —

יי צו די סאָלדאַטעז ווינקט שטרענג זייז בליק, —
י יאָגען אוז ברענגען צעהי זקנים צוריק,

צעהי זקנים פוז יהודה'ס איידעלסטעז שטאַם, —
זייער בלוט זויגט די ערד אַזוי שטיל ווי א שוואָם...

אָר דאָס בלוט פונ'ם נביא זידט טיף אַלץ און ברייט...
בוזראדן, דער פעלדהאַר, מיט שטוינען דאָס זעהט,...

און נאָכאַמאָל ווינקט זיין גרויזאַמער בליק —
זיי יאָגען און ברענגען צעהן יונגפרויען צוריק,

עהן יונגפרויען, ריין ווי ליליען אין וואַלד,
ייער בלוט אין דער ערד פאַררינט זיך גאָר באַלד,...

נאָר דאָס בלוט פונ'ם נביא זידט טיף אַלץ און ברייט...
נבוזראדן, דער פעלדהאַר מיט שטוינען דאָס זעהט...

וי צום דריטענמאָל ווינקט ער, גרויזאַם און האַרט, —
אָ ברענגט מען צעהן קינדער ווי פויגעלעך צאַרט...

די עזרה איז פול שוין מיט מאַרך און בלוט...
דאָס בלוט פונ'ם נביא, עס שווייגט אַלץ ניט,

דאָס בלוט פונ'ם נביא זידט טיף אַלץ און ברייט,
נבוזראדן, דער פעלדהאַר, מיט שטוינעז דאָס זעהט...

דאָ וואַרגט איהם פאַרצווייפלונג, זיין אָטעם געהט שווער:
„דו בלוט פונ'ם נביא, וואָס ווילסטו נאָך מעהר"?...

„דו בלוט פונ'ם נביא, האָב מיטלייד מיט מיר, —
מיין בלוטיג תּלינות דערשטיקט מיך שוין שיער!" — — —

און זעה, ווי נאָר זיין וואָרט פאַרקלינגט,
פערלעשט זיך דאָס בלוט און זינקט... און זינקט...

דאָס בלוט פונ'ם נביא פול אַנגסט זיך צוגעהט...
נבוזראדן, דער פעלדהאַר, מיט שוידערן דאָס זעהט...

— — — — — — — — — —
— — — — — — — — — —

און פון ווייט, ווי אַ בת־קול, קלאָגט פאָלקס־געוויין...
דעם פעלדהאַר נבוזראדן האָט מעהר קיינער געזעהן... — — —

ארכיון אסופות



בית יעקב-לודז/גליון/שנה ז/גליון 050-051 a הודפס מתוך הארכיון היהודי

אַ פיגור, וואָס איז געוואַקסען צוזאַמען מיט דער בעוועגונג.

מיט אַ צעהנדליג יאָהר צוריק האָט זיך איהר אַ חלום געחלומט, און אַ דאַנק איהר מסירת-נפש, און אָפּערוויליגקייט, איז דער חלום אין אַ ווירקליכקייט פערוואַנדעלט געוואָרען. אָבער פון אַ חלום זאָל ענטשטעהן אַ ריזיגע בעוועגונג — דערפון האָט זי זיכער נישט געאַהנט — די מוטער פון אַ צעהנדליגער טויזענד בית-יעקב קינדער.

און זיי ווייסען עס, די גליקליכע יוּדישע קינדערלעך, ווער עס האָט זיי אַזוי גליקליך געמאַכט. דער נאָמען פון דער דאָזיגער וואונדערבאַרער פרוי שוועבט שטענדיג אויף זייערע ליפּען מיט אַ ברכה, אַ ברכה, וואָס פליסט פון אַ צאַרטער קינדערישער נשמה.

זייט דער ערשטער קליינער פערזאַמלונג פון עטליכע און פערציג צוהערערינס, מיט אַ ביטול - שמייכעל אויף די ליפּען, ביז דער בנות - אגודת-ישראל קאָנפערענץ אין לאָדז, וואו אַ אַרמעע פונקטליכע הונדערט שטאָלצע בעוואוסטזיניגע יודישע טעכטער אין שלוחות פון אַ גאַנצען פרויען-כלל האָבען געשלונגען יעדעס וואָרט דורשטיגע איהרע פשוטע, האַרציגע און עהרליכע רייד — וואָסער מרחק!

בית-יעקב און בנות-אגודת-ישראל איז היינו הך — איין זיידענע שנור ציהט זיך פון'ם פיער-יעהריגען קינד, וואָס קומט אָן אין דער שולע, ביז דער עלטערער יודישער פרוי, וואָס פיהלט אויף זיך די אחריות פאַר'ן כלל ישראל.

און דער נאָמען שרה שענירער, שיינט ווי אַ אָרעאַל איבער דער דאָזיגער היסטאָרישער בעוועגונג.

מיט קליינע קינדער איז נאָך עפּעס דאָ וואָס צו מאַכען, אָבער מיט דערוואַקסענע — האָט אַמאָל שרה שענירער געזיפצט, (אַמאָל, ווי לאַנג איז עס, אַ יאָהר פינף, זעקס און נישט מעהר), אָבער דאָס איז געווען געזאָגט געוואָרען מחמת ע נ י ו ו ת, מחמת ב ע ש יי ד ע נ ק יי ט, ווער ווייסט נישט פון דער בעשיידענקייט פון דער דאָזיגער, גרויסער פרוי — גאַנצע לעגענדעס וועבען זיך דאָך וועגען דער דאָזיגער בעשיידענקייט — „מיט קליינע קינדער איז נאָך עפּעס דאָ וואָס צו מאַכען” — און אויב עס איז דאָ וואָס צו מאַכען מיט קליינע קינדער, זענען מיר געהאָלפען. אַ יונגער בענייטער פרויען-דור איז ענטשטאַנען, וואָס ווייסט גאָר-נישט פון דער שפלות פון זייערע עלטערע שוועסטערן און מוטערס. נאַטירלעך קומט עס די הכרה אין זייערע ריינע הערצלעך, אַז אַ יודיש קינד דאַרף י ו ד י ש זיין, און דאָס איבריגע קומט דאָך ממילא, ווייסען מיר דאָך, אָז די גרעסטע השפּעה אויף עלטערן האָט נישט קיינער, נאָר זייערע אייגענע קינדער.

דאַרפט איהר אפשר אַ ראי'? — געהט אין דער ערשטער בעסטער בית-יעקב-שולע צום ערשטען בעסטען קינד, און פרובט מאַכען אַ פּאַראַלעל ווי אַזוי עס האָט זיך געלעבט אין הויז פון איהרע עלטערן איידער דאָס קינד איז אָנגעקומען אין דער בית-יעקב שולע, און ווי עס לעבט זיך איצטער אונטער דער השפּעה פון — — פרוי שרה שענירער...

און בסך-הכל, אַ איינגעשרומפּענע גלות-פרוי, וואָס פיהלט זיך צופיל בעלאַסטעט פון דער שווערער משא, וואָס די השגחה האָט אויף איהר אַרויפגעלעגט, און זי בויגט דעם רוקען און טראָגט דעם שווערען עול מיט געדולד, מיט ערנסטקייט, און מיט אינערליכער שמחה.

וואָס פאַר אַ ליבשאַפט עס פערמאָגט די דאָזיגע פרוי צו איהרע קינדערלעך, צו די קליינע ווי צו די גרויסע, ווי אַ געטרייע מאַמע שיצט זי איבער זיי, שטראָפט זיי גוטמוטיג, מוטערליך, האַרציג, פערלירענדיג דערביי אַ טרעהער, ווי אַ באַרימהאַרציגע מוטער, ווען עס טהוט וועה דער צער פון געשטראָפטן קינד, און וואָס מעהר דאָס קינד ווערט געשטראָפט אַלץ שטאַרקער איז די ליבשאַפט פון קינד צו דער מוטער.



אַ גרופּע פון די ערשטע קראָקאָווער בית-יעקב-שילערינס פון פרוי שענירער — אין יאָהר תרפ״ג

גענוג געווען בלויז איין בליק צו וואַרפען אויף דער קאָנפערענץ אין לאָדז, בעת אויף דער טריבונע איז געשטאַנען פרוי שרה שענירער און גערעדט, כדי צו איבערצייגען זיך ווי געעהרט און געאַכטעט און געליבט זי ווערט ביי דער ערוואַכענדע יודיש רעליגיעזער טאָכטער.

נישט מיט קיין דרשות, מיט קיין רעפעראַטען קומט זי צו איהרע קינדער, די צונג לעגט זיך איהר נישט צו רעדען די היינטיגע מאָדערן-קינצלערישע שפּראַך, נאָר ווי איינע פון אונזערע פאָלקס-מוטערס ווינשט זי איהרע קינדער, אַז זיי זאָלען פאַר זיך נעמען אַלס ביישפּיל אונזערע אמהות, שרה, רבקה, רחל און לאה.

מעהר האָט זי נישט וואָס צו זאָגען די גרויסע פרוי. עס זענען נאָך נישט געשאַפען געוואָרען קיין ווערטער פאַר דער שפּראַך פון אַ מוטערליך האַרץ, ווען זי קוקט זיך אום, און זעהט אַרום זיך, אָהן עין-הרע, אַזוי פיל גוטע און וואוילע קינדערלעך...

אַהן ווערטער, אָהן שעהן-קלינגענדע פראַזען, אָהן מליצות, אָהן איבעריגע פּקחות און המצאות, וואָס אַמוזירען אַזוי שעהן דעם היינטיגען מענשען. פרעמד זענען עס איהר די דאָזיגע ענינים, זי ווינשט נאָר איהרע קינדערלעך, אַז זיי זאָלען זיין ווי אונזערע אמהות, — פרום, בעשיידען, באַרימהערציג, שטאָלץ און אָפּפערוויליג פאַר יודישקייט.

אַ בעשיידענע יודישע פרוי, וואָס פיהלט נישט, אַז זי איז אין אַ פ י ג ו ר פערוואַנדעלט געוואָרען, אַ ה י ס ט אָ ר י ש ע פיגור, וועמענס נאָמען עס שוועבט אויף די ליפּען פון טויזענדער, צעהנדליגער טויזענדער יודישע טאַטע-מאַמעס מיט אַזוי פיל עהרפורכט!..



בית יעקב-לודז/גליון/שנה ז/גליון 050-051 a הודפס מתוך הארכיון היהודי

ס'קלינגט דער גלאָק פון דער גרויסער רוסישער צערקווע, וואָס אויפ'ן מאַרק.

— באָם, באָם, באָם! —

און ווידער אַמאָל:

— באָם, באָם, באָם!

מיר אַלע זענען פון אָרט אויפגעשפרינגען.

— האַ, וואָס איז עס, צי נישט אַ שרפה?

— זיצט—האָט דער רבי טרויעריג געזאָגט — זיצט, ס'איז נישט קיין שרפה...

געוויסט האָבען מיר אָבער, אַז ווען אָט דער גלאָק קלינגט, איז אָדער ס'איז אַ שרפה, אָדער מען פיהרט עמיצען צום שמד, רחמנא לצלן. וואָס זשע זאָל עס זיין יעצט?

אַון אָט זעהן מיר, ווי אונזער חבר נחמן איז געוואָרען בלאַס און שוואַרץ אין פנים, קוים וואָס ער האַלט זיך אויף די פיס.

און דער גלאָק האַקט דערווייל אָהן אויפהער!

— באָם באָם, באָם!

ווי אַ יונג שעפעלע, וואָס מען האָט איהם די פיס אונטער-געהאַקט, איז אונזער חבר אַנידערגעפאַלען און האָט גע'חלשט.

— וואַסער, וואַסער! — האָט מען גענומען שרייען פון אַלע זייטען. אין בית המדרש איז געוואָרען אַמהומה; מען האָט זיך גענומען מונטערן דעם גע'חלש'טען; אָט האָט ער די אויגען געעפענט און האָט זיך שווער אָפגעאָטעמט, און דער גלאָק אין דרויסען האַקט נאָך אַלץ אָהן אויפהער:

— באָם באָם באָם!

אונזער חבר האָט ווידער גע'חלש'ט.

— אָרים אומגליקליך קינד — האָט דער רבי, שיער נישט וויינענדיג געזאָגט — טראָגט איהם אַריין צו מיר אין שטוב און שיקט נאָך אַ דאָקטאָר...

---

זעקס וואָכען — האָט אונזער ראש ישיבה דערצעהלט ווייטער — איז אונזער חבר נחמן דעמאָלט געלעגען קראַנק אויף אַגעהירען-אָנצינדונג. מיר אַלע חברים זיינע האָבען פון זיין בעט נישט אָבגעטרעטען. באַלד זענען אויך זיין פאָטער און מוטער פון דאָרף געקומען, און דאָס, וואָס מיר האָבען זיך דערוויסט דאַמאָלס, האָט פאַר אונז קלאָר געמאַכט. ווי שרעקליך עס איז ווירקליך געווען אונזער חבר'ס אומגליק. איין איינציגע שוועסטער האָט ער געהאַט, לאה האָט זי געהייסען. שען, קלוג און געראָטען אַ'ן זי געווען. אַ טרייסט פאַר איהר פאָטער, אַ גוטע האָפנונג פאַר איהר מוטער און אַ ליבהאַרציגקייט פאַר'ן איינציגען ברודער איה-רען. דער פאָטער איז אין דאָרף שטענדיג געווען פערנומען מיט זיינע עסקים, די מוטער האָט געהאַט איהרע עסקים, און דאָס יונגע קינד איז זיך געוואַקסען איינע אַליין אין אַ פרעמדער, נישט-יודישער וועלט. שפעט, צו שפעט האָט זיך דער פאָטער געכאַפט, אַז ער האָט גאָרנישט געזאָרגט פאר דער ערציהונג פון זיין טאָכ-טער. דעם זוהן האָט ער געלאָזט לערנען, די טאָכטער—גאָרנישט. פאַר'ן זוהן האָט ער אַ חבר בעקומען, פאַר דער טאָכטער האָט ער עס נישט געהאַלטען פאַר נויטיג. און אָט האָט ער אין אַ פינס-טערען פריהמאָרגען זיך געכאַפט, אַז זיין טאָכטער איז נישטאָ, פערשווינדען געוואָרען, ווי אין וואַסער אַריין. לאַנג, האָט דער אומגליקליכער יוד זיין איינציגע טאָכטער געזוכט. ביז ער האָט זיך ענדליך דערוואוּסט, אַז מען וועט איהר אין גיכען אָפשמד'ן, כדי חתונה צו מאַכען מיט אַ פרעמדען...

און אָט האָט דער גלאָק געקלינגען, דען גרויס איז געווען אין יענער פרעמדער וועלט די פרייד, ווען מען האָט אַ פרישע יודישע נשמה געפּ̈נ:ען, און בעת דאָרט האָט דער רוסישער פּאָפּ מיט שמחה און גדלות זיין אַרבייט געטהון איבער אַנ'אומוויסענד יודיש קינד, האָט זיך דאָ, אַרום אונז, געבראָכען דאָס האַרץ פון איהר יונגינקען ברודער און אַ העלדיש פייער האָט זיך אין זיין מוח אָנגעצונדען, און וועיט-ווייט אין דאָרף זענען אַ יודישער פאָטער און מוטער אויף דר'ערד געלעגען און זיך די האָר פון קאָפּ געריסען, דען וויסט און פינסטער איז זייער וועלט געוואָרען, גאָר פלוצלינג, גאָר אונערוואַרטעט...

זעקס גרויזאַמע וואָכען האָט נחמן געשוועבט צווישען טויט און לעבען און, ווען ער איז ענדליך געזונד געוואָרען, איז ער געווען נאָר אַ שאָטען פונ'ם געוועזענעם מונטער-פרעה'ליכען נחמן, און אַ שאָטען. איז אויך געבליבען פון זיין פאָטער און מוטער.

— און ווי לעבט מען יעצט ווייטער? — האָט נחמן ביים ערשטען אַראָפגאַנג פון בעט געפרעגט ביי אונזער רבי'ן.

— שטאַרק זיך, מיין קינד, פאָהר אין אַ ווייטע ישיבה און לערן, און דער אייבערשטער וועט דיר העלפען.

— און נחמן האָט געפאָלגט און ער איז אַ גרויסער יוד געוואָרען, — האָט אונזער ראש ישיבה גערעדט, ווי פאַר זיך.

— און וואו געפונט ער זיך יעצט? — האָבען מיר גע-שפאַנט געפרעגט.

— איהר ווייסט עס אויסגעצייכענט: דאָס איז דער גרויסער רב פון ד'...

— און זיין שוועסטער?

— אָט דאָ קומען מיר צום עיקר — האָט דער ראש ישיבה דערצעהלט ווייטער. — צעהן יאָהר זענען אַריבער נאָך איהר שמד נחמן איז שוין דאַמאָלס רב געווען אין ד. איינמאָל, שפעט אין דער נאַכט, איז צו איהם אין שטוב אַריינגעקומען אַ פרוי און האָט זיך געוואָרפען איהם צו די פיס:

— רבי, ראַטעוועט מיך!

און נחמן האָט איהר תיכף דערקענט.

— לאה, מיין ליב-האַרציגע שוועסטער, שטעה אויף וואָס איז מיט דיר?

— איך בין נישט ווערט צו רופען זיך דיין שוועסטער; אַ דינסט וויל איך ערגיץ וואו זיין, נאָר ביי יודען, נאָר צווישען יודען, איך בין אַ שענדליכע פערברעכערין... זאָג מיר, וואו זענען זיי?...

— אונזער טאַטע מאַמע לעבען שוין מעהר נישט — האָט נחמן טרויריג געזאָגט.

— אָ, דאָס האָב איך זיי אַוועקגע'הרג'עט! — האָט די פרוי אויסגערופען מיט אַ שרעקליכען יאָמער — וואָס טהוט מען? ווי לעבט מען? וואו נעמט מען אויף זיך דעם טויט?

— שוועסטער — האָט נחמן געזאָגט — דאָס... וועגען דעם זאָלסטו גאָר נישט טראַכטען. דאָס וואָלט געווען אויך אַזאַ פער-ברעכען, ווי דער ערשטער. לעב ביי מיר. די וועלט נויטיגט זיך אין גוטע מעשים. און אויך דער רבונו של עולם זאָגט פאַר זיי אַ דאַנק, פערצווייפעל נישט.

— ביי דיר לעבען! ניין, ניין, כ'האָב שוין גענוג פער-זינדיגט זיך געגען דיר, דו ביסט צו-גוט, צו-ריין פאַר מיר, איך בין גאָרנישט ווערט אין דיינע ד' אמות צו שטעהן.

— זאָג דאָס נישט, מיין שוועסטער, אַזעלכע זאַכען קאָן דער אויבערשטער אַליין ריכטען, און ער איז אַ רחום וחנון. בלייב ביי מיר, און מיט דער צייט וועלען אַלע דיינע ווינדען פערהיילט ווערען.

— ביי דיר בלייבען! איך וועל עס גאָר נישט קענען. די גרעסטע שטראָף לייג אַרויף אויף מיר, נאָר נישט דאָס. יעדער ציכטיגער בליק דיינער וועט, ווי גליהענדע שפיזען מיר דאָס האַרץ דורכשטעכען. ניין, ניין, נאָר נישט ביי דיר. אַ העליש פייער ברענט ביי מיר אין האַרצען. ס'האָט מיך נישט געלאָזט צו-רוה אויך דאָרט, וואו מען האָט מיין נשמה מטמא געווען. אָ, דו ווייסט נישט, ווי זינדיג איך בין...

לאַנג איז נחמן פערטראַכט געזעסען און ענדליך האָט ער זיך אויפגעהויבען און געזאָגט: — קום, מיר פאָהרען!

אין אַ פאָר טעג אַרום האָט נחמן געבראַכט זיין שוועסטער לאה צו מיר אין שטאָט. דאָ איז זי צוריק אַ יודישע טאָכטער

(סוף אויף זייט 20)



ארכיון אסופות



בית יעקב-לודז/גליון/שנה ז/גליון 050-051 a הודפס מתוך הארכיון היהודי

# דאס אייביגע ליד

**יחיאל פיינער**

(ערצעהלונג)

א מתנה דעם יובל-העפט
פון בית-יעקב-זשורנאל

דעמאָלט, דעמאָלט, אין די בין-השמשות'דיגע מאָמענטען, ווען עס פערבלאָנדזשעט דער געדאַנק אויפ'ן שיידוועג פון צווייפעל און האָפנונג, און עס ברויזט אזוי שרעקליך דאָס הארץ פאר תשוקה צום מיסטעריעזען אונענדליכקייט.—

דעמאָלט פלעגט ער אַ טרייסט ביי זיין גיטארע זוכען. אין די לירישע טענער, וואָס האָבען זיך טיילווייז צוגאָסען אין אַ סימפאָניע פון זיסע חלומות, פלעגט ער זיך תמיד אָנשטויסען אין אזאַ בת-קול, וואָס האָט איהם געגלעט און געצערטעלט, איהם אויך געגאָסען שמעקענדיגען באַלזאַם אויף די בלוטיגע ווינדען פון זיין האַרץ. זיין קערפער פלעגט דאַן זיין אונבעוועגליך, די אויגען ג-טליך פערחלומט, די רעיונות פערקראָכען העט ווייט-ווייט, בלויז זיינע צאַרטע פינגער פלעגען נערוועז טאנצען פון איין סטראָנע צו דער צווייטער ווי די שפרינג-פעדער.

ארכיון אסופות

תמיד פאר די זונען-אונטערגאנגען בעגעגענט מען איהם אין נאָהנטען וועלדעל, זיצען צופיסענס פון א בערגעל מיט זיין שטענדיגע געטרייע חבר'טע — די האַרפע, פעסט געדרוקט צום האַרצען, און ביינאנד חלומ'ן דעם לעבענס-טרוים צושפילענדיג דערביי דאָס לעבענס-ליד...

ס'לאָזט זיך באַלד מערקען. אַז אין דעם עלענדען האַרץ קומט פאָר אַ שרעקליכער געפיהלען-קאַמף אויף לעבען און טויט, ס'לאָזט זיך אויך מערקען אין די נערוועזע מעלאָדיען, וואָס יאָגען איינס דאָס אנדערע, כאָטש איינצושלינגען, אַז עס האָבען זיך מסתמא ביי איהם אין הארצען גראָד פערזאַמעלט אַמענגע גרויליכע קשיות און סתם מחשבות, וואָס שטורמען און פייניגען. אָט-אָט וועט פלאצען דאָס געדולד און דער שטילינקער בעשיידענער נזיר, וועט זיך פערוואַנדלען אין אַ ווילדע בעסטיע...

צום גליק געפינט ער זיך אין געזעלשאפט פון זיין געטרייע בעגלייטערין—די האַרף, וואָס איז מיט ריטם פיל שטאַרקער ווי די אַלע ווילדע מחשבות און מיט איהרע זיסע טענער פערענטפערט זי קונציג די אלע בייזע קשיות, וואָס האָבען נאָר וואָס געפייניגט מיט אזא זיכערן ברען און פעסטען טעמפעראַמענט, זי טוליעט איהם אין איהר שויס, ווי אַ געטרייע מוטער, מאכט איהם שענער, העכער, טוט איהם באַשירמען פון די אַלע בייזקייטען, וואָס האָבען נאָר וואָס געלויערט אויף זיין נשמה, פערוויגט איהם אין אַ מיסטיש זיסקייט פון איהרע מעלאָדיען און פערפליהט מיט איהם העט, ווייט-ווייט, דאָרט ווי ס'קושען זיך הימעל און ערד...

דרום טאקי האָבען זיך זיינע ערשט מיט בלוט-פערלאָפענע אויגען צוריק אויסגעלייטערט און קוקען מיט אַ ליבליך ווייסקייט, קוקען אין ווייטען אונענדליכקייט און זעהן שענער, ווייסער, העלער, צאַרטער און צוויי טרעהרען ווי פערל, קייקלען זיך פון זיי אַזש אַראָפּ און פאַלען אויף דעם מיסטעריעזען נפש, וועלכעס ער דריקט איצט נאָך מיט מעהר ליבע צום האַרצען און זיינע ליפען קוים שעפשען, מירמלען:

— האָסט מיך געראַטעוועט!...

הארכיון היהודי

---

אָבער איצט?

איצט, ביי וועמען זאָל ער אַ טרייסט זוכען? שוין פערלוירען איז איהם געגאַנגען זיין ליבע גיטאַרע, אַ בייזער צפון-ווינט האָט זי ביי איהם צוגערויבט און אין די האַרבסטיגע אָווענטען בעגעגענט מען איהם צווישען די גרויזאַמע בערג און אימהדיגע טאָלען, שפּאַנען אַ פערזינקענער אין טרויריגע מחשבות; דאָס טרויערט ער נאָך זיין געטרייע. זיינע טרוימעריש אויגען דריקען אויס אַזויפיל צער און ווייטאָג, נישטאָ מעהר פאַר וועמען דאָס ביטערע האַרץ אויסצוגיסען, נישטאָ ביי וועמען אַ טרייסט צו זוכען... בלאָנקעט ער אזוי אַרום אַ איינזאַמער, פון זיין האַרץ טריפען בענקענדיגע טראָפען בלוט, און זיינע פייניליכע אויגען גראָבען שמערצליך צווישען די שראָדלעס זאַמד און זוכען, זוכען...

דעמאָלט בעגעגנען איהם די צייט-קינדער מיט חוזק-בליקען און פרעגען:

— מענש! אָפגעלעבטער, וואָס זוכסטו, אויף די וויסטע פוסטעס? מאָל אונז אויס, וואָס דיין האַרץ בעגערט און מעגליך אַז מיר'ן דיר ס'קענען אומקערען.

אַ פריינדין אַ לעבענס-בעגלייטערין האָב'ך געהאַט און ס'טרעהרען זיך ביי איהם דערביי די אויגן, אין די אומעטיגע שעה'ן, פון מיין לעבען, ווען עס צאנקט דאָס נשמה-פלעמל, אָט-אָט און ס'ווערט פערלאָשען אָדער ווען, ס'ווערט שטורמיש און ברוגז די געדאַנקען-פאלעס און נעמען שווימען איבער די האַרץ-ברעגען, אָט-אָט פאַלסטו אין איהרע פרעכערישע אָרעמס, און ווערסט פערזינקען אין איהרע ליידענשאַפטליכע תהומות, דעמאָלט פלעג איך געהן צו מיין פריינדין פאַר איהר אויסגיסען מיין ביטער האַרץ און ביי איהר זוכען טרייסט און האָפנונג.

זי פלעגט מיך דאַן נעמען אין איהר שויז, פון איהר מויל האָבען זיך געגאָסען שנירלעך, שנירלעך פערלדיגע מעלאָדיען, און ס'האָט מיך אַזוי דערקוויקט, אַזוי דערפרישט.

איצט —

עלענד, איינזאַם בין איך געבליבען, איהר הייסט איך זאָל זי אייך אויסמאָלען; איז דען פערהאַן דער פענזעל וואָס זאָל בכח זיין זי צו מאָלען, איהר קאָנט נאָר אין דמיון אַרויסרופען דאָס געשטאַלט וואָס זאָל זיך בילדען, ווי אַ געשטאַלט פון אַ פערכשופטע פרינצען, וואָס פיטערט שאָף אויף די הויכע בערג פון תימן, איהר קאָפּ-שאַל ווי אַ באַנד גינגאָלד אויף וועלכען ס'קרייזלט זיך לאָקען-סאמעט שוואַרץ ווי די ראָב, די אויגען ווי טויבען ביי די ברעגען פון וואַסער, זיי וואשען זיך אין מילך און זיצען אויף אַ דערפילונג, די ליפען שמאָלינקע רויזען, וואָס טריפען מיט בשמים און איבערגאנגס-געווירצען, די לענדען גילדענע ויילען געגאָסען אין תרשיש, געפינטעלט מיט די איידעל-שטיינער, וואָס רופען זיך ספיר און ישפה.

— אָט דאָס איז מיין פריינדין, מיין אינטימע, איהר קינדער פון צייט...

---

אַ ועפיר-ווינטל האָט דעמאָלט געבלאָזען ווען פלוצים ס'האָבען זיך פון ערגיץ דערהערט לירישע סיאָנען, וואָס שוועבענדיג אינ'ם ליידיגען חלל, האָבען דערנאָך זיך צוגאָסען אויף די ווילדע סטעפּעס:

עס טרויערט עס יאָמערט,
עס ביטערט, עס קלאָגט,
נאָך מיר אַ פריינד —
ווען עס נאַכט ווען עס טאָגט.

*

אָבער ווען אין בעסטיאַלע מאָרדען,
שונד און רציחה אלע פערזינקען,
זאָל ווער נאָר שטראָפען אַביסעלע מוסר'ן
מ'איז איהם שוין גרייט צו דערטרינקען...

ביי אזעלכע מענשליכע ליידען
און גייסטיגער פערניכטונג,
האָב איך נישט געמוזט אייך אויסמיידען
און זוכען ריינקייט פאר מיין דיכטונג?

איצט, דיין מענש האָט פערדאָרבען
ריהר מיך נישט אָן מיין קינד
ביז אויך גייסטער וועט האָבען ערוואָרבען
דערווייל זאָל אויף מיר בלאָזען אַ ווינט...

א צומישטער מיט אַרויסגעשטאַרצטע אויגען איז געשטאַנען



בית יעקב-לודז/גליון/שנה ז/גליון 051-050 a הודפס מתוך הארכיון היהודי

עמוד 18 מתוך 50

# דער פּריץ פון „שוואַרצער גבורה״

(בעאַרבייט לויט'ן מדרש)

ספעציעל פאַר'ן יובל-נומער

אין גרויסען צירק-זאַל „וועלט און לעבען", וואו עס קעמ-
פען צווישען זיך, ראַנגלען און פעכטען זיך, טאָג און נאַכט
אָהן אויפהער, שטאַרקערע און שוואַכערע אַטלעטען—איז אַצינד
אַ געשפּאַנט איינגעהאַלטענע שטימונג. עס דאַרף ערשט
פאַלען די דעציזיע וועגען דעם מעכטיגסטען בעזיגער.

אויף דער אונענדליך גרויסער אַרענע זענען זיי אויפגעטרעטען די פופצעהן שטאַרקסטע פון דער וועלט. די ריזען, מיט פערשידענע גרימאַסען, שטרענגע און מילדע, אכזריות'דיגע און באַרימהערציגע בליקען קוקען פון זיי אַפּויער. און אלע זענען זיי אהערגעקומען זיך פאַרשטעלען פאַר'ן קעניג שלמה, ער זאָל זיי פּרובען, עקזאַמענירען, און זיין דעציזיע אַרויסזאָגען, ווער ס'פערדינט דעם פּריז פון שטאַרקסטען שלאַגער.

טיף פערדוקט אין אַ ווינקעל פון דער גרויסער און בּרייטער צירק-אַרענע, זיצט אויף זיין שטוהל דער קעניג שלמה, און מיט זיין דורכדרינגענדען בליק נעמט ער יעדען פון זיי בעזונדער, אַ דורך. און זיין לייכט אויער איז אָנגעשטרענגט צו פערנעמען יעדען מינדסטען שאָרך און אָטעם-צוג פון די פאָרגעטרעטענע.

און עס טרעט אויף, אַ פּאָר טריט פאָראויס, דער ערשטער פון די פופצעהן. ער שטעלט זיך פאַר פאַר'ן קעניג מיט'ן נאָמען — ת ה ו ם (אָפּגרונד), און עפענדיג אַ ברייט צעצויגען מויל, זאָגט ער:

— דער שטאַרקסטער מאַן פון דער וועלט איז נישט קיינער נאָר איך. עס האָט נאָך מיך קיינער נישט בעזיגט. דאַגעגען ווער עס פאַלט נאָר אַמאָל אַריין אין מיינע הענט, דער קומט שוין פון מיר צוריק נישט אַרויס.

באַלד דערויף רוקט זיך אַרויס דער צווייטער, שטעלט זיך פאַר מיט'ן נאָמען—ע ר ד, און אָפּאַנירט:

— איך בין נאָך מעכטיגער ווי דער הער. דען איך האָב איהם בעצווינגען און, האַלט איהם פסדר אויסגעלעגט אויף די לאָפּעטעס, רייטענדיג אויף זיין רוקען.

און עס שטעלט זיך אויף מיט אַ פערריסענעם קאָפּ דער דריטער, וועלכער שטאַרט אַרויס העכער פאַר זיינע חברים, שטעלט זיך פאָר מיט'ן נאָמען — ב א ר ג, און רופט זיך אָפּ:

— עס איז נישט אַזוי ווי דער הער האָט אַט דאָ געזאָגט, אַט רייט איך אַרום אויפ'ן רוקען פון דעם ה' ערד, און בין שטענדיג איבער איהם, פון אויבען.

דערויף טרעט שאַרף אַרויס, דער פערטער. האַקט אָפּ קורץ און שאַרף זיין פּזמון, און זאָגט:

— מיין נאָמען איז א י י ז ע ן. איך שווער דיר, גרויסער קעניג, דאָס איך האָב שוין צענדליגער אַזעלכע העלדען די קעפּ צושמעטערט.

די אַטמאָספערע ווערט ה י צ י ג ע. עס רייסט זיך פון אָרט מיט פערפלאַמטע פויסטען, אַ פיפטער הער, ער שפּריצט פון מויל, מיט פינקען פייער, און פעס'ט זיך:

— מיין נאָמען איז — פ י י ע ר. און איך פערזיכער דיר, מיין האַר קעניג, דאָס אין מיינע פויסטען זענען שוין טויזענדער אַזעלכע צעשמאָלצען געוואָרען ווי פּוטער.

דערויף רייסט זיך אָפּ פון אָרט ווי אַ געוויטער, דער זעקסטער הער, און צעברויזט זיך מיט זיין קול ווי אַ כוואַליע:

— ביטע! וואַסער—איז מיין נאָמען, און שטאַרקער בין איך ווי דער ה' פייער. איך נעם מיך אונטער שוין צו בעווייזען עס דאָ אויפ'ן אָרט, ווי איך וועל איהם בעזיגען און אונטער מיין דרוק, אונמעכטיג מאַכען.

יאָ — דונערט אַרויס מיט זיין קול דער זיבעטער —דער ה' וואַסער איז שטאַרק, אָבער איך טראָג גאַנצע מאַסען אַזעלכע אויף מיינע פּלייצעס, און לויף מיט זיי, שוועבענדיג אין דער לופטען. געוויס קענסטו מיך, האַר קעניג,—וואָלקען איז מיין נאָמען.

און עס צעשטורעמט זיך דער אַכטער.

— אָהאָ! דרך ארץ אַביסעלע! איין בלאָז איך טהו אויף איהם, און ער צעפליהט זיך אַז עס בלייבט נישט פון איהם קיין זכר, דער ה' קעניג קען מיך נישט? — ווינד איז מיין נאָמען.

און עס שטעלט זיך אויף שטאָלץ דער ניינטער, ציהט זיך אויס גלייך ווי אַ סטרונע, און לאַכט זיך ציניש זיין פּאַרגענגער אין די אויגען אַריין:

— אָבער מיר, קען אויך דער ה' ווינד פון אָרט נישט ריהרען! דאָס רעדט די וואַנט — פערענדיגט ער זיין זאַץ, און שטענדיג צו דער זייט פון קעניג.

און עס שטעלט זיך אויף פון זיין אָרט דער צעהנטער, פערנויגט זיך דושענטעלמעניש, בעגריסט זיך מיט'ן קעניג, דערלאַנגענדיג איהם די האַנד, און לעגט אַוועק אויפ'ן טיש זיין וויזיט-קאַרטע, אויף וועלכער עס איז אויפגעשריבען מיט גאָלדענע אותיות זיין נאָמען — מ ע נ ש.

און ער רופט זיך אָן איידעל און קאָרעקט-שמייכלענדיג ציילענדיג די ווערטער פון מויל:

— און איך, מענש, בין נאָך שטאַרקער פון בערג און אייזען, פון פייער און וואַסער, ווינד און וואָלקענס. איך טויזענדער אַזעלכע ווענד האָב איך שוין מיט מיין קאָפּ אַדורכגעבויערט און געלעכערט. שוין טויזענדער אַזעלכע ווענד האָב איך אויפגעבויט און צעלעגט, אַ שפּאַס, אַ געלעכטער ביי מיר אַזעלכע זאַכען!

פערנייגענדיג זיך, האָט ער זיך צוריקגעזעצט אויף זיין אָרט. דאָ האָט זיך פון צווישען די פערזאַמעלטע אַרויסגעשלייכט,

---

דער טרומער, און געקוקט אין דערווייטענס ווי עס ליגט זיין גיטאַרע, אַ קעניגליכע, איהרע אויגען האָבען געלויכטען ווי די בליצען אין די וויסטע סטעפּ און אַ זענפטיג ווינטעל האָט געבלאָזען אויף איהרע גילדענע פעדים און דערביי אַרויסגערופען אַזעלכע מיסטישע טענער.

אָך ווי שעהן, ווי ערהאַבען!—האָט ער געמורמעלט, מעהר האָט ער זיך נישט געקענט איינהאַלטען, פערגעסען איהר געבאָט און אינסטינקטיוו אַרויפגעפאַלען בענעצענדיג זיך דערביי מיט זידיגע טרעהרען:

אָ, דו ביסט דאָך מיין איינציגער טרייסט אין די אומעטיגע שעה'ן, פון מיין לעבען די ערלייזערין פון מיין נשמה-פיין:

— טציק-טצאַק — — — און באַלד נאָכאַמאָל — — —

טשיק-טשאַק — — —

ארכיון אסופות

האָבען געפּלאַצט איינס נאָכ'ן אַנדערן די סטרונעס און זי איז געבליבען ליגען — די האַרפע אויף דער ערד אַנ'אויסגעגאַנגענע... ברר... האָט ער אַזש אַ שרעקליכען קרעכץ געטהון און דערפיהלט ווי זיין האַרץ ווערט צעריסען. דאָס מויל האָט געשוימט און די שוואַרץ-אַפּלען האָבען זיך ביי איהם איבערדרעהט, בלויז די פערשטייפטע אַרויסגעשטאַרצטע הענט זיינע, האָבען זיך געקלאַמערט מיט אַ אומענשליכען כח דעם הוילען קערפּער פון זיין קרבן...

באַלד האָט זיך דערהערט אַ גסיסה-כאַרכלען און אַ טויט-געראַנגעל, קוים קוים האָבען נאָך דעם ד י כ ט ע ר ס ליפּען געשעפּטשעט:

„ווי דו ווערסט שטאַרבען וועל איך אויך שטאַרבען און דאָרט וועלען מיר זיין בעגראַבען..."



בית יעקב-לודז/גליון/שנה ז/גליון 050-051 a הודפס מתוך הארכיון היהודי
עמוד 19 מתוך 50

ס! אַ אומבאַשטימטע געשטאַלט מיט אַ גרימאַסע לײַדנדיק
ם. זיך פאָרגעשטעלט מיט׳ן נאָמען — ל י י ד ע ן, און ווײַזנ־
מיט׳ן פינגער אין דער זײַט פון מענטש קורץ געזאָגט:

— אָט דער גבור, דער מענטש, קורטשעט זיך פאַר יסורים
ן וועלקט פאַר דער צײַט, אונטער דעם דרוק פון מײַן לאַסט.

און עס ברעכט אויס דערויף מיט אַ שיכּור געלעכטער
ער צוועלפטער הער, קײַכענדיק פאַר געלעכטער און זיך
טאַטשענדיק אויף די פיס שטעלט ער זיך פאָר, דאָס זײַן נאָמען
איז — ו וי י ן, און דאָס ער נעמט זיך אונטער זײַן שטאַרקען
פאַרגענגער אונשעדליך צו מאַכען, און זײַן זכר פון דער וועלט
אויסצומעקען.

און עס כראָפּעט מיט זײַן קול, וואָס געהט פון האַלז ווי
פון אַ זעג אַרויס, דער דרײַצענטער הער, סאָפּענדיק שווער:

— עה! עה! עה! ש ל אָ ף — איז מײַן נאָמען. איך האָב
שוין פיל אַזעלכע חכמים, דעם טשאַד פון קאָפּ אַרויסגעטריבען.

מיט פּאַמעליכע שווערע טריט, דערנעהנטערט זיך דאַן
דער פערצענטער הער, גענעצט פויל, און שעפּטשעט שטיל,
קוים וואָס מען הערט איהם:

— ק ר ע נ ק, איז מײַן נאָמען, שוין נישט אין איין
אָנפאַל, האָב איך דעם פריהערדיגען הער בערויבט און אויס־
געפּלינדערט. איך בין אַ ברי׳ אַ מזיק, אַזעלכע פריצים [illegible]
געלעך אויסצורייבען.

דער י״ה׳ קרענק, ציהט זיך צוריק אויף זײַן אָרט, פאַלט
מיד אַרײַן אין זײַן שטוהל, און אויף דער אַרענע טרעט אַרויס,
אַ הויכער הער אײַנגעהילט אין אַ שוואַרצער פעלערינע, וועלכער
יאָגט פון זיך מיט שרעק און אנגסט אויף אַלע אַרומיגע. אַ
פּלוצלינגער פּחד בעפאַלט אַלעמען, אויך דער קעניג האָט זיך
אַ טרייסעל געטהון, און פעסטער זיך אָנגעהאַלטען אין זײַן
שטוהל.

— איך בין דער מ ל א ך ה מ ו ת — רעדט שטײף דער
הער אין שוואַרצען — איך בין דער האַר איבער אַלעם, אַלע
האָבען בײַ מיר דעם סוף, און איך נעם יעדען צו די נשמה.
מיט ווען דער ה׳ קרענק מאַטערט זיך אַוועק יאָהרען, לעג
איך אַוועק אַ פאַרטיגער במשך איין סעקונדע. און ביטער איז
דער טויט פון מײַן האַנד — האָט האַרט פערענדיגט דער פופ־
צענטער הער.

— — — — — — — — —

אַ ווײַלע הערשט אַ פערגליווערטע שטילקייט איבער אַלעם.

## לאה די רעטעניש

(סוף פון זייט 17)

געוואָרען, און דאָ האָט זי אַ יאָהר דרײַסיג געפיהרט אַ לעבען
פון אַ נ׳אָרימער יודישער וועשען, וועלכע קיין ילוד אשה, אויסער
מיר, האָט נישט געקענט.

— און נחמן? — האָבען מיר געפרעגט.

— ער פלעגט תּחלת קומען אַמאָל בעזוכען זײַן שוועס־
טער; אָבער ווען ער האָט דערזעהן, ווי שווער עס איז איהר
אין זײַן געגענוואַרט און ווי זי האָט זיך ביסלעכווײַז בערוהיגט,
האָט ער אויפגעהערט צו קומען, נאָר וואָס איך מוז איהם
שרײַבען וואָך־וועכענטליך אַ גרוס פון איהר.

— אײַנמאָל — האָט דער רבי זײַן ערצעהלונג געענדיגט
— איז לאה אַליין אַריבערגעפאָהרען קיין ד. צו איהר ברודער,
אָבער אין שטוב איז זי צו איהם נישט אַרײַנגעקומען, נאָר
אונטערן פענסטער בײַ איהם פלעגט זי שטעהן שעה׳ן לאַנג
און קוקען, און קוקען... און דאַן איז זי צוריק אַהער געקומען
אַ גליקליכע, אַ גליקליכע. איהר ערשטער וויזיט איז געווען דאָ
בײַ מיר שפּעט אין דער נאַכט אין שטוב ווען זי איז אַרײַנ־
געקומען צו מיר שטיל, שטיל און געזאָגט:

— רבי, כ׳האָב מײַן גן־עדן אויף דער וועלט געזעהן!

דער קעניג ווען מען די געדאַנקען הויבען אָן ביסלעכווײַז צוריק צו
דינען, נאָך דער נאָר וואָס איבערגעלעבטער שרעק, צוליב דעם
אויפטריט פונ׳ם שוואַרצען הער — וויל זיך שוין פּאַסען, און
ענדליך איהם אַנערקענען דעם פּריז פון „שוואַרצער גבורה״. מאָ־
מענטאַל אָבער, עפענט זיך אַ זײַטיגע טהיר און עס קומט אַרײַן
כמעט שוועבענדיג, אויף די שפּיץ פינגער, אַ מאָדערנע לוקסוס־
אַרטיגע געקליידעטע פרוי, און מיט אַ קאָקעטיש שמייכעל אויף
די רויט־געפאַרבטע ליפּען, ווענדעט זי זיך צום קעניג, און בעט
דאָס וואָרט.

דער קעניג, קוים שטאַמלענדיג, פרעגט איהר מיט פער־
וואונדערונג: האָט איהר דען נאָך וואָס צוצוגעבען?

יאָ — ענטפערט זי מיט אַ פעסטע שטימע — דער ה׳ מלאך
המות האָט דאָ געזאָגט, דאָס ביטער איז דער טויט פון זײַן האַנד,
און ער פּרעטענדירט דעריבער אַלס דער אײנציגער קאַנדידאַט
אויפ׳ן פּריז, מוז איך איהם אַמשאַרפסטען אָפּאָנירען, און איך
פערזיכער קאַטעגאָריש, דאָס זײַן מאָמענטאַלער טויט אײנמאָל אין
זיבעציג יאָהר, איז צוקער־זיס, לגבי דעם וואָס איך פערביטער
דאָס לעבען און מאַך דעם טויט דעם מאַן פיער און צוואַנציג
שעה אין מעת לעת, און זעכציג סעקונדען אין יעטוועדער שעה.
אַלעמאָל מיט אַנדערע צייט פאָדערונגען. מאָדע פערלאַנגען א.אַ.וו.
כּסדר אָהן אויפהער, אַ שלאָגענדען בעווייז, קענט איהר האָבען
דערפון, וואָס פיל, פיל מאָל ווינשט זיך ליבערשט דער מאַן, דעם
טויט פון מלאך המות׳עס האַנד. און קומט מיט מיר וועל איך
אײַך איבערצייגען, דערמיט וואָס איך וועל אײַך ווײַזען, די אונ־
געהויערע צאָהל זעלבסטמאָרדען וואָס איך האָב שוין פערורזאַכט,
ווען מען האָט דעם „שוואַרצען הער פון טויט״ (איראָניש!)
אויפגענומען ווי אַ גואל, אַ ערלייזער פון מײַנע הענד. און דאַן
וועט איהר שוין אַלע מוזען מודה זײַן דאָס דער פּריז פון דער
היינטיגער דעבאַטע פאַלט מיר צו. איך און נאָר איך, האָב איהם
כּשר פערדינט.

פערשנורעוועדיג די ליפּען, פערנויגט זי זיך לייכט, נעמט
אַרויס דעם האַנטבײטעל און פערגלייכט זיך די פריזור אין שפּי־
געלע, אָפּטרעטענדיג אַ פּאָר טריט אויף הינטערווײַלעכטס.

צוליב דאַמען־עהרע האָבען זיך אַלע פופצעהן הערען אויפ־
געהויבען פון די פּלעצער, און איהר געבעטען זיצען.

— — — — — — — — —

דער קעניג שלמה אַלס אָפיציעלער געשוואוירענער פּראָ־
טאָקאָליסט פון „וועלט און לעבען״־צירק (קיין צווייטער האָט
זיך נישט אַזוי גוט געפאַסט צו דעם פעראַנטוואָרטליכען אַמט, ווי
דער קעניג), האָט גענומען פון טיש אַ שווערען דיקען באַנד „ג ע־
ז אַ מ ע ל ט ע פּ ר אָ ט אָ ק אָ ל ע ן״, אויף וועלכען עס איז גע־
ווען אויפגעשריבען מיט רויטען בלײַשטיפט אויף די טאָוולען, דאָס
העברעאישע וואָרט — „קהלת״, און אין דעם זיבעטען קאַפּיטעל
פּאַזיציע זעקס און צוואַנציג אַרײַנגעטראָגען אין פּראָטאָקאָל פאָל־
גענדע שורות:

„און איך געפין איין דאָס נאָך ביטערער ווי דער טויט —
איז די פרוי, וואָס איז פול מיט לאָקער, אַ נעץ — איז איהר
האַרץ, און שטריק זענען איהרע הענד. דער גליקליכער פון ג־ט,
ווערט בעשירמט פון איהר, און דער זינדיגער ווערט דורך איהר
בעצוואונגען״.

די מאָדערנע לוקסוס־פרוי האָט בעקומען דעם פּריז פון
„ש וו אַ ר צ ע ר־ ג ב ו ר ה״...

ל. שיף



בית יעקב-לודז/גליון/שנה ז/גליון 051-050 a הודפס מתוך הארכיון היהודי

שפּילצייג. דעם קינד בעהערשט אַ שולד-געפיהל און ווייסט צומאָל נישט פאַרוואָס. די פריהער, צוגעאיילטע שטראָף ערציהען נישט אַלזאָ דעם קינד, נאָר ברענגען דעם פונקט פערקעהרטען רע-זולטאַט.

2) פערהאַן קינדער, וואָס ווילען נישט אויסגעבען אַ חבר, וואָס איז בעגאַנגען אַ געוויסען פערברעך. דאָס לייקענען פון די גאַנצע חברה קינדער, אַז זיי ווייסען נישט פון קיין זאַך, איז אַלזאָ פון יסוד אויס געשטיצט אויף אַן'אײידעלער כּונה. צודריקען די חברים, אין אַזאַ פאַל, צו דער וואַנט. זיי זאָלען דעם שול-דיגען חבר אויסגעבען, איז נישט פּעדאַגאָגיש. אַזאַ שטייגער ליגענד קען נישט פערעכענט ווערען צום סוג ליגענד-זאָגען. די שטראָף קעגען די דאָזיגע קינדער איז אומפּערדינט און געוועהנט זיי צו מסר'ען איינער דעם צווייטען. די עצה, אין אַזאַ פאַל איז צו צווינגען אויף אַ מילדען אופן דעם שולדיגען זיך אַליין מודה צו זיין.

אויב דאָס גיט זיך פאָרט נישט איין, קען מען בעשטראָפען די גאַנצע חברה אָדער קלאַס, נישט צו צווינגען אויסצוגעבען דעם פערברעכער, נאָר אָפּצוקומען די שטראָף פאַר'ן חטא, וואָס איז אַרויסגעקומען פון דער גאַנצער חברה אָדער קלאַס, אויף אַזאַ אופן ווערען די קינדער געוועהנט, צו פיהלען זיך פעראַנט-וואָרטליך אַלס כּלל, פאַר די מעשים פונ'ם יחיד.

3) די חושים פון קינדער זענען נישט אַזוי גוט ענטוויקעלט ווי ביי דערוואַקסענע. נעמען זיי דעריבער אָן איינצעלנע ערשיי-נונגען אַלס אַלגעמיינע און פערקעהרט. די ווירקליכקייט און דער חלום מישען זיך ביי זיי אויס. זיי קענען נישט פונאַנדערטיילען דאָס פאַקטיש געזעהענע פונ'ם צוגעפאַנטאַזירטען. אויבּ-זשע אַזעלכע קינדער טרייבען איבער געשעהענישען מיט דעם, וואָס קען גאָר נישט געמאָלט זיין ס'זאָל געשעהן, זענען זיי נאָך נישט קיין ליגנער דערמיט. זיי דוכט זיך, בשעת זיי דערצעהלען, אַז דאָס פאַנטאַזירטע און צוגעלייגטע איז אַזוי אמת, ווי דאָס, וואָס זייערע אויגען האָבען פאַקטיש געזעהען. דאָס קינד איז אין דעם פאַל זעהר סוגעסטיוו, זעהט יעדע זאַך נאָר פון זיך אַרויס, מיט אייגענע ברילען. דער ווילען צו לייקענען איז דאָ נישט פערהאַן. בעדאַרף מען אַלזאָ אַזא קינד נישט שטראָפען, נאָר דעליקאַט און לאַנגזאַם אויספרעגען, ביז ס'וועט זיך פונ'ם שמועס אַליין אויס-שיילען דאָס ריכטיגע פונ'ם נישט ריכטיגען.

די עטליכע פאַלען בעווייזען, ווי ווייט פאָרזיכטיג מ'דאַרף זיך בעגעהן מיט קינדער, וואָס זאָגען ליגענד. ווייל אָפט טהוט מען, דורך אונבערעכענטער שטראָף-אָנווענדונג גורם זיין, נאָך צו ענטוויקלען ערשט רעכט אַ נייגונג אויף ליגענד צו זאָגען.

רבקה פיינגאָלד וואַרשא
לעהרערין פון אַלג. לימודים

# וועגען עלטערן אויטאָריטעט

I

אַלס יונגע לעהרערין, האָב איך שוין זעהר פיעל אויסצו-שטעהן פון די עלטערן, וואָס בעקלאָגען זיך, אַז די קינדער בע-ציהען זיך נישט צו זיי, ווי צו עלטערן. מילא, מיט עלטערע קינדער איז די פראַגע צו לעזען גענוג שווער. די עלטערן ווילען גאָרנישט פערשטעהן, אַז מ'קען נישט אין א צייט פון עטליכע חדשים איבעראַרבייטען אייגענשאַפטען, וואָס האָבען זיך איינגע-בירגערט אין פערלויף פון יאָהרען.

אַנדערש איז עס אָבער מיט די יונגערע קינדער. דאָ וואָלט די לעהרערין שוין געקענט פערהיטען, אַז די קינדער זאָלען גלייך מיט זייער ענטוויקלונג איינאיבען זיך די געפאָדערטע רעס-פּעקט-בעציהונג צו זייערע עלטערן. איז אָבער די צרה, וואָס די עלטערן טהון מיט זייער האַנדלונג צושטערען די אַרבייט פון דער לעהרערין. ס'איז דעריבער געווינשען, די לעהרערין זאָל רופען אָפט עלטערן-פערזאַמלונגען און זיי בעקענען מיט די יסודות פון פּעדאַגאָגיק. ווי אַזוי צו געווינען ביים קינד דעם געהעריגען רעס-פּעקט.

איך לייג דעריבער פאָר, אַז ס'זאָל מצד דער רעדאַקציע פון „ערציהונגס-אָפּטיילונג" צוגעשיקט ווערען, אויף דער דאָזיגער טעמע, אויסגעאַרבייטע רעפעראַטען פאַר די לעהרערינס, כּדי צו קענען אַזעלכע פערזאַמלונגען איינאָרדנען וואָס אָפטער.

יהודית קאַמינער

אָנמערקונג פון דער רעדאַקציע

דער וואונש פון פרל. ק. וואָלטען מיר נאָכגעקומען, ווען מיר וואָלטען זיך איבערצייגט, אין דעם פעי-שטענדנים פאַר דער דאָזיגער זאַך מצד אַלע לעהרערינס. אַזוי זענען ערשינען שוין עטליכע רעפעראַטען מצד דעם רעפעראַטען-ביוראָ, אונ-טער די לייטונג פון ה' אָרלעאַן, וואָס זענען גוט פאַר „בנות" און עלטערע שילע-רינס, און ביז יעצט האָבען, אפשר אויף הונדערט און פינפציג לעהרערינס (אָהן ע"ה) קוים דריי אזע"כע רעפעראַטען געקויפט.

II

בכדי צו געווינען מצד'ן קינד רעספּעקט צו זיך, מוז מען זיין פאָרזיכטיג ביים בעפעהלען. פון מיין אייגענער פּראַקטיק האָב איך איינגעזעהען, אַז פערלאַנגען פון קינד צופיעל קלייני-קייטען, אָדער אַזעלכעס, וואָס איז פאַרן קינד, לויט זיין נאַטור נישט מעגליך אויסצופיהרען, געוועהנט דעם קינד נישט צו פאָלגען און ברעכען די אויטאָריטעט פון עלטערן.

און אָט פון מיין פּראַקטיק:

דאָס קינד איז מיט מיר צוזאַמען. אין מיין צימער לאָז איך איהם שטענדיג אַריין. שטערט עס מיר עפּעס, איז גענוג, כ'זאָל איהם צוזאָגען, אַז שפּעטער וועלען מיר זיך שפּילען (נאָר האַל-טען וואָרט), פערלאַזט עס גלייך מיין צימער.

אַ לאָדזער בנות-חברה.


# רעפעראַטען-ביוראָ

1) 4 גייסטיגע שטרעמונגען פרייז 2 זל.
2) 15 יאָהר אגודת-ישראל " 2 זל.
3) מוסטער-בילד פאַר אונזער יוגענד " 1.50 זל.
4) יודענטום און אַסקעטיזם " .225 זל.

צו בעקומען נאָר געגען געלט פריהעראויס
— פּ. ק. א. 12.380 —

די אַלע רעפעראַטען זענען געפּאַסט פאַר אַלע רעליגיעזע גרופּען, ווי: בנות-אגודת-ישראל, פּועלי אגו"י און צעירי אגו"י.




בית יעקב-לודז/גליון/שנה ז/גליון 051-050 a הודפס מתוך הארכיון היהודי
עמוד 25 מתוך 50

# די שטוב און די שול

ד"ר. ל. ניעמצעוויטש

פון רשות-היחיד, פון דער יודישער שטוב, וואו דאס קינד איז גע- וואקסען אונטער די לי- בעס-שטראַהלען פון די עלטערן, האָט מען דאָס קינד אַרויסגעשלעפּט און אריינגעשליידערט אין רשות-הרבים, וואו א מחנה אומפּעראנט- וואָרטליכע אפּטרופּסים האָבען מיט שמוציגע הענד אַריינגעכאַפּט דאָס הייליגסטע און שענסטע פון מענשען, דאָס קליי- נע מלאַכ'ל, דאָס צאַרי- טע און ליבע בעשע- פעניש, וואָס נויטיגט זיך אין דער צערטליכ- קייט פון א מאמען, אין



ד ר. ל ו י נ י ע מ צ ע ו י ט ש
(גראָדנאָ)

דער צערטליכקייט פון א טאטען, ווערט בעהאנדעלט טרוקען און קאַלט פון פרעמדע, אזוי גערופענע פּעדאַגאָגען.

די עלטערן, וועלכע זענען זיך מוסר-נפש פאר זייער טייערסטען אוצר זענען זייטיגע צושויער צו דעם שפּיל. וועל- כע עס טרייבען מיט זייער קינד די פּארטיי-מענשען, אנשטאט די ווארימע ליבליכע סביבה, אנשטאט די צערטליכע אויפריכטי- גע ווערטער פון דער שטוב, מוז דאָס קינד ווערען אן אָביעקט פאר פאַרטיי-אמביציעס. עס זענען אויף דער יודישער גאס אין דער לעצטער צייט אויסגעוואקסען שולען פון כל המינים, יע- דער פארטיי וואָס האָט געוואָלט צוליב פערזענליכע כוונות האָ- בען א שליטה אויף דער יודישער גאס, האָט געפינען פאר איהר חוב צו עפענען א שולע און מזכה-זיין מיט איהר „תורה" די יודישע קינדערלעך, וואָס „בלאָנדזשען" נעבעך אַרום אין די יודישע שטובען; אריינכאַפּענדיג די יודישע קינדערלעך האָ- בען די פארטיי-פיהרער זיך פערזיכערט מיט נייע מיטגלידער ווייל יעדער פאָטער, אָפּגעבענדיג דאָס קינד אין זייער שול, האָט זיך פערשריבען אלס מיטגליד פון דער פארטיי, צו וועלכער די שול געהערט, דאָס קינד איז געוואָרען א מין פּראָפּאגאנדע מיטעל פאר א פארטיי, און צו דעם צוועק אויסגענוצט געוואָ- רען. אייגענטליך איז דער סיסטעם און די מעטאָדע נישט ניי, מיר קענען זי שוין לאנג פון דער געשיכטע, אין דער צייט פון דער אינקוויזיציע, ווען די אלע ענוים, די אייזערנע צוואַנ- גען, מיט וועלכע מען האָט געריסען לעבעדיג פלייש פון צאַ- פּעלדיגע יונגע בליהענדע קערפּערס האָבען נישט געקענט ארויס- רייסען די יודישע נשמה פון אונזערע קדושים, און מיט התּ- להבות האָבען זיי אויסגעהויכט די הייליגע נשמות אויף די שייטער-הויפענס, דעמאָלט, האָבען די טאָ-קוואַמאַדעס פון יענער צייט געפאַנגען יודישע קינדערלעך גאנצע מחנות, יונגע, אונ- שולדיגע, ריינע, צאַרטע קינדערלעך האָבען די מלאכי חבלה געפיהרט, נאָך וועלכע עס זענען, פערהילט אין טיפען טרויער געגאנגען די עלטערן, אונטער דראָהונגען אוועקצורייסען די קינדער פון זייער היים, האָבען די עלטערן נישט געקענטביי- שטעהען דעם נסיון, און מיט צובלוטיגטע הערצער האָבען זיך פיל עלטערן ליידער געמוזט אָפּזאָגען פון זייער הייליגטום די שרעקליכסטע ענוים, וועלכע די אינקוויזיציע האָט ערפינדען כדי צו צווינגען זייערע קרבנות, זענען נישט בכח געוועזען אָפּצוּרייסען די יודען פון זייער מקור, אָבער די צוגעבינ- דענקייט פון די עלטערן צו זייערע קינדער האָט אָפּגעשוואַכט די אמונה ביי פיל עלטערן.

אויך היינטיגע צייטען געשעהט דאָסזעלבע, אריינכאַפּענדיג אין דער נעץ פון פערשידענע שולען די יודישע קינדער ווע- רען אויך ממילא די עלטערן קרבנות פון פארטיי אמביציעס.

עס איז אפשר דאָס טרויריגסטע פון דער נאָך מלחמה צייט דאָס הפקרות, וואָס הערשט, בנוגע די יודישע קינדער אויף דער גאַס, דאָס אויסנוצען די אומשולדיגע נשמה'לעך צוליב פארטיי צוועקען איז דער פערברעך, וואָס וועט בלייבען א אייביגער שאַנד- פלעק אין דער יודישער געשיכטע פון דער היינטיגער צייט.

די אויפגאַבע פון די שולען, וועלכע ווילען ערפילען אין לעבען דעם גרויסען און הייליגען אידעאל צו ערציהען יודישע קינדער מוזען דאדורך נישט ארויסרייסען דאָס קינד פון דער שטוב, אין וועלכע עס וואקסט און ענטוויקעלט זיך, נאָר להיפוך, די שולע מוז ווערען די פאָרטזעצונג פון דער שטוב, און עס מוז אין איהר הערשען דערזעלבער גייסט פון ליבע און צערטליכקייט איבערהויפּט די סביבה, די אַטמאָספערע טאָר נישט געענדערט ווערען, די שולע טאָר נישט ווערען קיין רשות-הרבים נאָר א צוזאַמענשמעלצונג פון פיל רשות-היחידי'ס, די שולע אויב זי וויל ערפילען איהר פליכט, מוז זי אין ערשטער רייהע זאָרגען פאַר דער פרייער ענטוויקלונג פון די קינדישע מחות, געבענדיג די מעגליכקייט יעדען קינד זיך אויסצולעבען אין קרייז פון דער שולע, עס זענען בעקאַנט די ווערטער פון פרעבעל, דאָס קינד ענטוויקעלט זיך נישט פון דעם, וואָס עס נעהמט פון די לעהרער'ס און לעהרער, נור פון דעם, וואָס עס גיט ארויס פון זיך.

אינסטינקטיוו, טיף אין דער נשמה ליגט ביי יעדער יודיש קינד אַ קוויט פון אמונה צו די יודישע אוצרות, עס מוזען אָבער געשאפען ווערען די בעדינגונגען, מעגליכקייטען, עס מוז ווערען איבערגעפלאַנצט די דערגרייכונג פון א יודישער שטוב אין דער שול, דאָס איז דער ציל און דער צוועק פון אונזער אָרטאָדאָקס'שע שולען, צי ערפילען דאָס טאַקי אלע יודישע שולען? דאָס וועלען מיר בעהאַנדלען אין אונזערע ווייטערדיגע אַרטיקלען.

## געדענק אין העכסטען הויז פון דער

## בית-יעקב-שול –

## ערפיל דייז פליכט צום בנין פון

## בית-יעקב-סעמינאר!



בית יעקב-לודז/גליון/שנה ז/גליון 050-051 a הודפס מתוך הארכיון היהודי עמוד 26 מתוך 50

א פאלקס-מעשה

# דאס געמישטע פאר...

פון לייב פיינגאלד



לייב פיינגאלד
(לאדז)

האט אמאל, גאר אמאל געוואוינט אין א שטעטעל פון מדינת פוילען, אייגער, א יוד מיט א פרוי און קינדער, וואס האט זיך גערופען משה גאלדוואסער. האבען קינד און קייט אין שטעטעל גוט געקענט די גאנצע משפחה גאלדוואסער. אבער גערופען האט מען זיי גאנץ אנדערש: „דאס געמישטע פאר". מען האט זיי דארט אזוי גערופען פשוט דערפאר, ווייל משה האט זיך קיינמאל נישט געקענט אייסגלייכען מיט זיין פרוי מלכה'לע אין הלכות צדקה. ווארום אוף וויפיל משה איז געווען בטבע א גוטער מענש, אויף אזוי פיל און גראד זיין פרוי מלכה'לע זע'הר א שלעכטע פון דער נאטור.

און עס איז געווען ביי משה'ן און זיין הויז-געזונד שטענדיג פרייד. עס האט חלילה נישט געטראפען, אז עס זאל זיי אמאל עפּיס שלעכטעס געשעהן, אז זייערע אויגען זאלען דארפען פייכט ווערען פון טרעהרען. נישט געהאט קיין דאנקען ג—ט איבער וואס צו וויינען. א קאלאסאל עשירות האט בעלאנגט צו זיי, אן עשירות פון הונדערטער מארגעס לאנד מיט פירות און תבואה און גרויסע טשערעדעס אקסען און גרויסע סטאדעס מיט שעפסען איז געווען זייער אייגענס.

איז געווען משה'ס התנהגות, אז פון זיין עשירות איז נישט בלויז זיין אייגען הויז-געזונד אליין געווארען פערזארגט מיט אלעם גוטען, נאר אויך אלע הונגעריגע, יודישע קינדער די נויט-בעדערפטיגע, האט ער געטהון פערזארגען מיט כל-טוב מיט א ברייטער און אפענער האנד. אבער געמוזט האט ער דאס תמיד טהון בשתיקה, בגנבה פאר זיין אייגענע פרוי, זי זאל געזונד און שטארק זיין, ווארום אלץ מעהר וואס ר' משה האט געטהון עפענען זיינע אויערען זיך איינצוהערען צום פערלאנג און געבעט פון א נויטבעדערפטיגען, וואס מעהר ער האט אויפגעהויבען זיינע אויגען צו פערנעמען יענעמס טרערען — אלץ מעהר האט זיך זיין פרוי מלכה'לע פערשטאפט, טויב געמאכט איהרע אויערען און אויף יענעמס ביטער געוויין, געענטפערט מיט זידלען איהר מאן, אז ער איז מפזר, זיין גאנץ פערמעגען איבער זיין מעגלעכקייט, ווארפט ארויס געלד אויף מענשישע נארישקייט. און נישט איין מאל האט געטראפען, אז זידלענדיג איהם, האט זי פון איהם גע'חוזק'ט און גלייכצייטיג גע'מוסר'ט, דאס ער וועט נאך ע'פאר דארפען אויסגעהן פאר הונגער און קומען קען דורך אזא פזרנות א קללה, וואס וועט איהם איבער הונדערט-און-צוואנציג יאהר ברענגען צום טויט נישט האבענדיג אויף קיין תכריכים!...

האט זיך משה גאלדוואסער דאן פערשעמט פאר זיך אליין, אז ער זאל דארפען הארעווען איבער זיין פערמעגען שווער און ביטער און זאל מוזען בעהאלטען פאר זיין אייגענער פרוי, אויב ער וויל מיט זיין אייגען אויסגעהארעוועטען געלד טהון צדקה וחסד. האט ער זיך געבעטען — אך, מלכה'לע וואס רעדסטו, וואס זאגסטו! זיי געווארענט מיט'ן מויל, זאל ג—ט חלילה שטראפען אונז דערפאר. פאר וואס זאלסטו זיין אזוי שלעכט. ווער דען זאל העלפען אן'ארימען יידען אויב נישט מיר, ווען עס פעהלט נישט און עס קלעקט פאר א צווייטען. דערבארעם זיך אויף זיך אליין און ברענג נישט דיין אייגען מויל צום ביזען און עפען נישט דערמיט חלילה קיין וועג פארן גרויזאמען שטן!...

מיר זענען מענשען, וואס האבען ברוך-השם פיל און פאר צעהנדליגער משפחות וואלט אבוער פארמעגען געקלעקט, — טא וואס אהרט עס דיך, אז נאך אן'ארימער יוד וועט דורך אונז האבען צו עסען?!

און אויב מלכה'לע האט ג'עחוזק'ט פון איהר מאן, אז ער וועט אמאל נישט האבען אויף קיין אנבייסען פאר זיין פזרנות, האט זי אליין דערפאר נישט געגלויבט אין דער מעגליכקייט פון איהרע ווערטער, אז זי קען אמאל געשטראפט ווערען אזוי, דאס דער חוזק זאל ווערען די הארטע ווירקליכקייט... אויסערגעווערהנליך איז געווען איהר גלויבען אין איהר פערמעגען, — טא ווי שיקט עס זיך צו טראכטען, אז זי זאל קענען אויסגעהן פאר הונגער! און ווי זאגט איהר מאן: אז זייער פערמעגען איז א הון-רב און קלעקט פאר צענדליגער מענשען אויף פרנסה בריוח מיט נאך א שמיצעל אריבער. אבער דאס, וואס איז אונמעגליך פארן געדאנק, איז מיט דער נאטור פארט מעגליך פאר דער הארטער ווירקליכקייט אין טאג-טעגליכען לעבען. און טאקי פון דעם וואס זי האט פון איהר אייגענעם מאן חוזק געמאכט, האט דערפון דער גורל א ווירקליכען געברויך געמאכט...

האט גענידערט איבערן אומגעגענד א מורא'דיגער שלאגס-האגעל, וואס האט מיט זיך מיטגעבראנגט א מגפה איבער אלע בהמות און א שרפה איבער זיין גאנץ הויז מיט'ן פערמעגען. פערכאפט דורכ'ן טויט זענען געווארען זיינע אקסען און שעפסען. פערפוילט זענען געווארען זיינע פירות און תבואות, און פערברענט, ביז אש, איז געווארען זיין גאנצע שטוב-ווירטשאפט.

איז זיי פון זייער עשירות געבליבען דער איינציגער... גארנישט!

פערשוואונדען איז זייער פרייד. פערכאפט איז געווארען זייער האב און גוטס, אויף זייער ארט איז געקומען די ביטערע לייד און פייכט פון געוויין זענען געווארען זייערע אויגען — דאס געוויין פון דעם ארימען און הונגעריגען מענש!...

זי, מלכה'לע האט געוויזען א וועג דעם שטן, דעם בייזען גורל און עס זענען מקוים געווארען איהרע אייגענע ווערטער:

געקומען איז א צייט, ווען דער צארן איז זייער בעל-הבית און ס'איז נישטא אויף קיין אנבייסען, אויסגעהן קען מען פאר הונגער! — — —

גרויס און שטארק איז איצט געווען זייער געוויין, אבער עס איז נישט געווען ווער עס זאל עפענען זיינע אויערען צום געוויין פון מלכה'לע, וואס איז תמיד בלינד און טויב צו יענעמס שרעקליכסטע טרעהרען!...



בית יעקב-לודז/גליון/שנה ז/גליון 050-051 a הודפס מתוך הארכיון היהודי

# ביז דער אָדלער דערהויבט די שלאַנג צו זון...

## ווענן ערנעסט בלאָך און זיין קאָמפּאָזיציע „בעל-שם“.

(ספּעציעל פאַר'ן יובל-העפט פון ב"י זשורנאַל)



שמואל נאַדלער

הארכיון היהודי

זענען טויבע געקומען אויף אַ חתונה. די כּלי - זמר האָבן געשפּילט; די מחותּנים האָבן געשיינט פאַר פרייד און די געסט האָבן זיך משמח געווען מיט א התלהבות'דיג טענצעל, ווייל אַזוי מחיה'דיג זיס, אַזוי ווייך צו דער נשמה האָבן די כּלי-זמר געשפּילט, אַז די פיס האָבן זיך אַליין געריסען צום טאַנץ, צום ליד פון פרייד, וואָס דער גאַנצער גוף זינגט, ווי אַבלום אויפ'ן ווינט. נאָר די טויבע זענען געשטאַנען און פערוואונדערט געקוקט מיט אָפענע מויל-און-אויערען: ווער זענען די דאָזיגע משונה'דיגע העויות? פאַרוואָס קענען זייערע פיס נישט איינשטיין אויף איין אָרט? משוגעים!

און איין טויבער האָט געוויזען דעם אַנדערן און געמאַכט מיט די הענד, ווי איינער זאָגט: נאַ, זעה, וואו מיר זענען אַריינגעפאַלען...

ווייל נישט געהערט האָבן זיי דאָס מתיקות'דיגע שפּילען פון די כּלי-זמר, דעם גאָלדענעם האָגעל פון פרייד פונ'ם פידעל, דאָס געוויין פונ'ם פלייט, די וויאָלינישע בענקשאַפט, די קלאַרנעט-ליידענשאַט און דעם רוף פון דער פּויק, דעם אַלטען בייזען באַס און דעם קינדישען צימבעל...

* * *

זענען געקומען די קלוגע מיט די אויסגעקראָכענע קעפּ און איינגעקנייטשטע שטערענס. האָבן זיי אָנגעטהון די אויגען-גלעזער, אָנגענומען דעם קמץ באָרד און געפרעגט:

וואָס איז חסידות?

ארכיון אסופות

האָט איינער געענטפערט מיט זיין קאַרליקעוואַטע, שלעכט-פערשטאַנענעם ניטשעאַניזם, מיט קראַנקען, אַנעמישען און וואַסער-צילאָזטען טאָלסטוי און מיט דער רחמנות-טובערקולאָזע פון אַסיזישען אָרעמאַן...

גלייך ווי ליבשאַפט איז נישט וועלטען-צושמעטערנדיגע אור-קראַפט איז נישט וועלטען-אויפבויענדיגער אור-וואוקס; גלייך ווי די איבער-הימלישע, געטליכע ליבשאַפט נויטיגט זיך אין פּראָבלעמאַטיק און פּראָקלאַמאַציע! וויי!

און אין צווייטענס ענטפער איז גנווע', ווי אין אַ מילבישען אוצר, קאָנפוּ-טזע און לאַאָ-טזע, אשור-און בבל-שוואַרצקינצלעריי און מיטעלאַלטערישע מכשפות און קאַבאַליסטיק און ראָמען ראָלאַן און אַנדערע קרייטעכצער...

און דער דריטער און דער פערטער האָבן אָנגעהאָנגען זייערע פּאַטעטישע מאַרק-גלעקער ביי די פּאָלעס פונ'ם שטילען, הייליגען מאַן...

גלייך ווי ס'וואָלטען אפילו אויף דער וועלט נישט געווען כּלי-זמר, וואָס שפּילען אַזוי מתיקות'דיג ווייך, אַזוי זיס און פערבענקט און בעהאַרציגט, אַז ס'רייסען אַליין זיך די פוס צום טאַנץ!

איז דריימאָל ווי, אויב די חכמים מיט די ברילען און די טויבע פון צו הערען דאָס קול פונ'ם האַרץ ווילען סעקצירען די סבה פון יונגער, צעוונגענער און צוטאַנצטער פרייגדשאַפט!

* * *

אָ, נגון, הייליגער נגון!

פון די טיפסטע תהומות קומסטו און די העכסטע שפּיצען איבערגרייכסטו, מיט אַ ריהר פון דיין פערפשוּפּ'ט שטעקעלע עפענסטו אויף די אייזערנע טויערען פון אייביג-אייז-פערשלאָסענע פּאָלען און מיט'ן אָטעם פון דיין קיש דערהייבסטו די זיידענסטע וועלאָנען פון פערהוילענע, טעמפּלישע סודות. אַלע האַרען פון דער פינסטערניש ווערען ליכטיג פון דיין אויפשיין און דו קיניגסט אין מלכות פון דער זון. דו ביסט די פליגעל פון לעבענס-שכרות און זיג און מוט דיר איז מען זיך מתודה אין קלעמענדיגער איינזאַמקייט. אָ, נגון, הימליש קינד!

צו די אָרימע, פערלאָזטע, עלענדע מענשען ברענגסטו אַ בלאָע, לייטזעליגדיגע טרייסט, און אונטער די מאַסקעס פון פאַלשער לוסטיגקייט, פון קליינליכען קוק-דאגות-ערנסט, פון מוטיגער אַליינגאַרעריי, אין דעם טיף פון הערצער, וואָס כליפּען פעריתומ'ט, וואָס ציטערן נאָר ווען היסטעריע, וואָס ברענען פאַר איינגעהאַלטענער גיפט ווי עקדישען — נידערסטו מיט'ן קריגעל-בומאייל פון פרידען און בענשסט זייער ליידען און הייליסט זיי צו דערהייבונג...

אָ, נגון, הייליגער דערלייזער!

* * *

און ווען ערנעסט איז אַ קינד געווען, האָט איהם די מאַמע דערציילט:

וויט-ווייט, ערגיץ אין די בערג קאַרפּאַטען האָט געוואוינט אַ יוד, ישראל האָט ער געהייסען און בעל-שם-טוב פלעגט מען איהם רופען. איז זיין אַרבייט געווען אָנצוגראָבען יעדען טאָג אַ פיהרעל ליים אין די בערג און עס פערקויפען אין די טאָלען. איינמאָל האָט ער גראָבענדיג דאָס געלע ליים, געפונען אַ גאָלדענעם אוצר. האָט ער אָנגענומען אַ פולע פוהר גאָלד און אין זאַק אויף די פּלייצעס און אין די הענד און עס אַראָפּגעפיהרט און צוטיילט צווישען די מענשען. ווייל גרויס איז געווען זיין ליבשאַפט צו מענשען און אויך זיי האָבן איהם ליב בעקומען.

אַזוי האָט דערציילט די מאַמע. און דער קליינער ערנעסט האָט געקוקט צו די אייביגע אַלפּען, וואָס אַרום זיין געבורטשטאָדט און פערשטאַנען:

אַז דער אוצר איז געווען די ליכטיגע זון, וואָס אויפ'ן קאָפּ פונם ליים-פיהרער;

אַז דער אוצר איז געווען די זיבענפאַרביגע טוי, וואָס אויף די גרינע גראָזען פון די פּאָלאָנינעס;

אַז דער אוצר איז געווען דער גאָלדענער שמייכעל פון זיין פריידיג האַרץ.

און אַז ג—ט האָט צו איהם געזאָגט, ער זאָל דאָס איינזאַמלען און איינטיילען גלייך צווישען די מענשען אין טאָהל.

...און ווען דער גרויסער ערנעסט האָט דערנאָך אויף די פינף-שורות'דיגע שליאַכען אויסגעזייעט דעם דאָזיגען אוצר פון ליכט, האָט ער מיט זיין פרומער האַנד אָנגעשריבען ביים אָנהויב פון דער קאָמפּאָזיציע „בעל שם“:

„דעם אָנדענק פון מיין מוטער“.

* * *

**ודוי.**

איז עס ביים הייליגען אר"י ז"ל געווען אזא מנהג:

פרייטאג פערנאכט, ווען די אפגעברענטע זון האט גענידערט אונטער די בערג פון צפת עיה"ק, האט מען זיך אין בית המדרש מיט א צובראכען הארץ זיך געזעצט צו דער ערד און מיט א ביטער געוויין זיך מתודה געווען אויף די זינד פון א גאנצער וואך.

האט געזאגט ר' חיים וויטאל:

איך בין געגאנגען אין בית-המדרש אריין דאווענען און זי מיטן קרוג נאך וואסער צום ברונעם. האב איך געקלערט אז זי איז אנ'אשה, א זינד, א יצר הרע, און נישט, אז זי איז א בעשעפעניש פונ'ם בורא. ווי איז מיר!

און ר' יוסף קארו האט געזאגט:

איך האב געפאסט די תעניתים, געטובלט די טבילות, מסגף געווען די סגופים, מיחד געווען די יחידים, מצרף געווען די צירופים און געווארט אז די הייליגע משנה זאל קומען רעדען מיט מיר. אבער אין דער לעצטער נאכט, ווען כ'האב געוואלט מיך מתגבר זיין און לכוף, בין איך איינגעשלאפען. ווי איז מיר!

שרייט אויס דער לייב, ז"ל:

און מיר איז דריימאהל ווי! איך האב געמיינט צו זיין אויף דער מדרגה עליונה!!!

ווי זיי האבען אזוי געקלאגט און געיאמערט און געוואשען מיט טרעהרען די זינד, הערען זיי א יונג, צארט קול, וואס זינגט אזוי זייד-איידעל און מחיה'דיג, ווי א פריהלינג-ווינטעל צווישען שמעקעדיגע בעז-טשוויטען:

לכה, דודי, לקראת כלה...

דאס האט דער יונגסטער תלמיד, ר' שלמה אלקבץ געזונגען, ווי די אומשטערבליכע קעניגין, שבת מלכתא, נידערט פון איהרע הימלישע ספירות צו לייטזעליגען איהר פריינד און פריינד. און די הייליגע כלה ברענגט איהר חתן טרייסט און האפנונג און ליכטיגקייט און גליק און דער חתן גייט איהר אקעגען...

האבען די טרעהרען-פולע אויגען אויפגעשיינט. ווי אין א קינדישען שמייכעל און די אלטע האבען אפגעווישט זייערע טרעהרען און אגלויביגע פרייד און פרידען האבען זיי בעוואוינט.

„און זייער פנים האט געלויכטען מיט'ן איבערשטען אויפלייכט און זי האט זיך געקרוינט אונטען מיט'ן הייליגען פאלק..."

* * *

האט ערנעסט בלאך פערשטאנען וואו צו זוכען דעם קוואל פון דער בעל-שמי'שער לעבענס-פעריאאונג. מיט זיין העל-זעהעריש אויג, מיט זיין זעקסטען מוזיקאלישען חוש האט ער דורכגעדרינגען אלע גלגולים, וואס האבען געברענגט די וואונדערליכע ענטפלעקונג. און דאס וואס אומזיסט האט געזוכט דער געאגראף אויף דער מאפע, דער היסטאריקער אין אלטע, פערשימעלטע פאליאנטען, דער ליטעראט אין פאלקס-מעשיות אין מופתים — לעגענדען — דאס האט ער געפונען אין די סטרונעס פון זיין פידעל און אין ציטער פון הארץ. און דאס האט ער אויסגעכשופ'ט און אויף אייביג פערפערעלט אין דער דאזיגער קאמפאזיציע, וואס טראגט אויף איהרע טיילען די נעמען פון די דריי עטאפען צום אויסלייז, דריי מדרגות, דריי גלגולים:

**ודוי —**

**נגון —**

**שמחת-תורה —**

**דאס איז דער אויפשטייג-וועג פון דער געפאלענער און אין-חומר-געבויגענער-נשמה צו איהר שורש, צו איהר לעצטען ציל. דאס איז דער וועג וואס פיהרט פון „טומאת-מצריים" דורך "מדבר-לייטערונג" צום „צוגעזאגטען לאנד". דאס איז די לייטער** פונ'ם „שאול-תחתיות" דורכ'ן „עולם-התקון" צום „גן עדן-העליון"...

„ודוי" —

„נגון" —

„שמחת תורה"...

* * *

א, קומט, איהר הייליגע חזנים פון שפאניען און מעסינא; איהר, וואס האט געגעבען דעם יודישען פאלק זיין געזונגענע תפלה, וואס איז נאך ביז היינט זיין גאנץ היות און זיין דערקוויקונג אין גלות; איהר זינגער פון די אומשטערבליכע נגינים פאר שבתים, ימים-טובים און ימים-נוראים, פון די הימליש-הויכע און תהום-טיפע כל-נדרי'ס, המלך, מעריב'ס, שמונה-עשרה'ס, סליחות און פיוטים, איהר געטליכע קאמפאזיטארען פון דער הייליגסטער און הערליכסטער סימפאניע, וואס הויבט זיך אן ראש-חודש אלול מיט'ן שופר שאל און ענדיגט זיך שמחת תורה —

א, איהר הייליגע זינגער, קומט און לייגט ארויף אייערע הענד אויפ'ן קאפ פונ'ם ג—ט-געבענשטען משורר און זייט איהם מסמיך פאר א תלמיד, פאר אייער געזאלבטען יורש און זאגט צו איהם:

זאל רוהען אויף דיר און זאל שטורמען אין דיר אונזער התלהבות, אונזער פלאמיגע אמונה, אונזער השתפכות-הנפש און דאס מסירות-נפש אונזערס! זאל הייליג זיין תמיד דיין סטרונע צו ג—ט און דיין בלוט זאל שרייען זיין ליבע, ווי אונזערס!

און אויף די ציטערנדיגע סטרונעס פון מיין פידעל, וואס שפילען „בעל-שם" לייגט ארויף אייערע הענד, אז ס'זאל אייער הייליגקייט זיין אין די נגונים און דער גרויסער הלל אין געזאנג.

א, הייליגע זינגער פון מעסינא!

* * *

און ווען דו וויינסט, בלאך, הער איך:

דאס וויינען אלע אונזערע דורות, וואס זענען געגאנגען אויף קדוש השם, וואס זענען געגאנגען מיט „שמע" אויף די ליפען און אמונה אין הארצען און מיט א הימלישער מוזיק אין דער נשמה!

און ווען דו ביסט פיל ליבע און יראת-הכבוד, זעה איך:

דאס זענען די מעכטיגע אלפען פון דיין געבורט-לאנד, וואס זענען געשטאנען ביי דיין וויגעל און וואס אויף זייער אייביג-פערשנייטער, גלעטשערישער נאקעטקייט רוהען הימעל-לויטערקייט און זוניגקייט!

און ווען איך הער, ווי ס'זינגט אין דיר דיין יודישקייט, פרעג איך:

וואס איז באכישע פייערליכקייט, מאצארטישע ווייכקייט, כערובינישע איידעלקייט, בעטהאווענישע שטארקייט און דערהויבענקייט, מענדעלזאנישע מייסטערשאפט און סאראסאטישע ליידענשאפט,—אקעגען דיין „נגון", דיין יודישען, הייליגען נגון?!!

* * *

פון די טויערען פון זשענעווא איז ארויסגעגאנגען א יונגעל, אונטערן ארעם האט ער געטראגען א פודלע מיט א פידעל, און אלעמאל האט ער איהם צוגעדרוקט צום הארץ, אויפ'ן וועג האט ער געטראפען א בערגעל, איז ער ארויפגעגאנגען דערויף און אנגעזאמעלט שטיינער און צונויפגעלייגט א קופע, דערנאך האט ער אנגעשריבען אויף א צעטעלע: „רבונו של עולם! העלף מיר צו זיין א מוזיקער". און ער האט דאס צעטעלע אנידערגעלייגט אויפ'ן שטיינערנעם מזבח און עס אנגעצונדען.

און ווען דאס פלעמעל האט אויסגעברענט און דער רויך איז אויפגעגאנגען — האט זיין קינדיש הערצעל זיך געפרייט:

— ג—ט האט פערנומען זיין תפלה...

און דאס קינדישע הערצעל האט זיך נישט טועה געווען...

ארכיון אסופות

# א מאל דאס שטעטעל

ב. סאקאלאוו

(מיניאטור)



ב. סאקאלאוו

אָפּגעזונדערט פון דער וועלט, אין אזייט פון רוישיגען לעבען, דערווייטערט פון א באַהן ליניע, בעהאָפטען זייטיג צו א שאָסעע בלויז מיט א דין, אונגעדולדיג אָדער'ל - סטזשעשקעלע, א יסגעטרעטען פון צופיס-וואַנדערער און שמאָלע פויערים-וועגעלעך — ליגט זיך א שטעטעלע צווישען פעלדער און לאָנקעס, אזוי ווי א וואַכטער-בודקע אינמיטען פון די גרינע, אונענדליך-ווייטע מרחקים ארום.

פרימיטיוו און נישט סימעטריש זענען זיינע הייזלעך. אינזשעניערסקע קעפּ האָבען זיך נישט געבראָכען איבער זייער קאָנסטרוקציע, זייערע בעל-בתים האָבען זיך נישט פערשולדיגט ביי זייער אויפבויען. בעל-חובות און רעיענטען זענען נישט ארויפגעקראָכען איוף זייערע היפּאָטעקען. אָרים, בעשיידען, צונויפגעקלאַפּט פון קיי-און-שפּיי זענען זיי, אָנגעשפּארט איינס אָן אנדערען, איינס איבערן אנדערן און איינס אונטערן אנדערן, ווי א סטאדע נעבעכדיג-צונויפגעדרענגטע שעפּסען. גראָד, נישט קאָליר שרייעריש איז זייער פאַרב, פונקט ווי די שעפּסישע וואָל. די פענסטערליך בליאסקען נישט מיט נאוה און פערביסענקייט, זיי זענען שלעפעריש-צוגעמרושעט, לאָמיך-געמאכ'דיג, אזוי ווי די כשר'ע אויגען פון די צאן-קדשים.

אינ'ם שטעטעלע פויזען אַרום אַ פּאָר מנינים יודען מיט ווייבער און קינדער — אויך גראָה און נעבעכדיג אין זייער הלבשה, דערפאר אָבער באקיג און כוח'דיג-שטאַרק — אויפ'ן פנים, נעקרעפטיגט פון דער געזונטער לופט, אפּעטיטיגער נאַטירליכער אכילה און שפע'דיגע ברכה פון ערד, ביימער און פּירות.

יעדער האָט זיך זיין נעסט. נישט אויסגעצאצקעט מיט גרויס גלאַנץ, נישט אויסגעשטאט מיט טייערען לוקסוס, נישט פערבלענדעט מיט שרייעריש ליכט. היימיש, געמיטליך, אנגענעהם. ווי שאָטען אין דער היץ און וואַרימקייט אין דער קעלט. נידעריג-באַלטענדיג און שמאָהל-ווענטיג זענען די שטיבלעך, קארג בעלויכטען פון א נאַפט-לעמפּ'ל. דערפאר אָבער זענען די פריידען אין זיי — עכטע, דורך און דורכ'דיגע דאַגעגען, חלילה, טרויער, איז געטיילט און מיטגעפיהלט פון אַלע ארומיגע, וועלכע זענען ווי מענשען פון איין שטוב, איין הויזגעזינד.

א גאַנצען טאָג איז יעדער עוסק אין זיין דראָבנע טהועכץ אָהן הויכע פערמעסטונגען, אָהן גרויסע שפּעקולאַציעס: מען קאָמבינירט נישט קיין גדולות, און מען איז נישט קיין אָן להעשיר, נו, אזוי ווי די מוראַשקעס אין זייער בעשעפטיגונג, האנדעלט מען אַ פעלעכ'ל, קויפט מען אַ קערצ'ל תבואה, אַ מאַנדיל אייער, יאַלאָווקע, נייהט מען א פּאָר פויערישע שטיוועל אָדער קורטקע, מען פערדינט א פּאָר פייעם און מען קאָכט וויעטשערע.

מען האַוועט נישט, מען יאָגט נישט פון זיך אַרויס דעם אָטעם, כדי וואָס מעהר אָנצושאָבען. קליין-השגה'דיג, וועניג פערלאַנגענדיג איז מען — אַבי אויף ברויט צו דער זעט, אויף שכר-לימוד פאַר די קינדער און אויף צו קענען בייטראָגען צו א דבר-שבצדקה. אָנגעטהון געהט מען פּראָסט, דערפאַר — שטאַרק, דויערהאַפט, לאורך ימים. אין פּראָכנעוואַטען, ירושה-שענקעל הענגט א בעסער מלבוש, בעהאַלטען אויף שבתים-ימים-טובים און שמחות.

אַליין — ווייסט מען — אז מען איז פערגרעבט, פערחומר'ט, רק מען זאָרגט אויף אַכילה פאַר'ן ערדישען גוף, לאָזט מען אויפבויען א שעהן שוהלעכעל, זעהט מען מ'זאָל האָבען אַ רב אַ תלמיד-חכם, אַ חזן מיט א קול-נעים. אַז עס זאָל אַדורכפאָהרען אַ מגיד, אַ משולח, וואָס זאָל בעזעלען דאָס מגושמ'דיגע לעבען מיט א שעהנע דרשה, אריינגיסען איידעלקייט אין גראָבען חומר, דערהויבען דעם בליק העכער פונ'ם נידר'גען באַלקען.

קומט אַ טאָרג, אַ יריד, די געסלעך זענען בעשטעלט מיט פויערישע וועגענער, אַ געקוויטשעריי פון חזירים, א געהירזשעריי פון פערד, א געדינגעריי מיט קולי-קולות און משוואָה'דיג געפליאסקע אין אייזערנע דלאָניעס; יודעלעך זענען פערשמייעט, פערהאַוועט, ציהען פויערים ביי די גראָבע סוקמאַנעס און אינ'ם גרויסען הו-האַ פערגעסט מען אויף אַ ווייל, אַז נישט אייגענע כיטרעקייט און איבערקליגען דעם פויער גיט פרנסה, נאָר אז אויבען, אויבען אינדערהויך זיצט אַ זן ומפרנס, — געהט מען פאַרביי פאַר'ן רב'ס פענסטער, זענען די פאָרהענגלעך פאַררוקט, מען זעהט אַדורך דעם רב'ס סיזלעט געבויגען איבער'ן יורה-דעה אָדער חושן-משפט און מען הערט זיין קול תורה ברומען ווי א זשומענדיגע ביהן, דערפיהלט מען זיך ווי וואַנדערער ביי א קהל-שאָטענדיגען אָאוויס, אינמיטען אַ זאַמדיג-גל הענדיגען מדבר, ווערט מען אָנגעפולט מיט בטחון, אַז דער אייביגער שפּייזער וועט נישט פערלאָזען און סוף כל סוף בעשטעהט דער פויער אויפ'ן מקח, און מען לעגט אין קעשענע אריין אַ פּאָר גילדען פערדינסט.

מאַכט מען א שמחה, איז אריינגענומען דערין אין גרעסטען טייל די שוהל-רב-חזן-שוחט. זיצט מען ביים טיש און מען קוויקט זיך אי נשמה'דיג אי גופ'יש; פיהלט מען זיך געאיידעלט און געלייטערט, דערהויבען פון די אַלע אַרומיגע גויים, רייך מיט אַ גרויס פערמעגען: אַן'אַלמעכטיגען פּאָטער אין הימעל וואָס קאָן דערהויבען און בעגליקען ביז גאָר.

טרעפט חלילה אַן'אומגליק, מען פאַלט אריין אין אַן'עת-צרה, קומט מען אין שוהל, געהט מען אַריין צום רב, הערט מען א טרייסטוואָרט, ווייסט מען אז מען מוז אָנקומען פאַר עפּעס, דערפאַר ערוואַרט נאָכהער לויטער וואויל און גוטס, ווערט די וועהטאָג געלינדערט און מען נעהמט דעם שמערץ פאַרליעב.

אזוי רוקט זיך פּאַוואָליע האָס לעבען, מיט געזונטע, גאָט-געבענשטע פרייד, דערפאַר נישט מיט קיין רעזיגנירטע לייד; מען עלטערט זיך אין צופרידענהייט און מען דערלעבט גריין-גראָהע זקנה, ביז ג—ט נעהמט צוריק די נשמה און דאָס לעבען, ציהען ווייטער די איבערגעלאָזענע דורות.



בית יעקב-לודז/גליון/שנה ז/גליון 050-051 a הודפס מתוך הארכיון היהודי
עמוד 32 מתוך 50

# עראינערונגען — אסתר שושנה

ס'ליכט צאַנקט אויפ'ן טיש. וואַרפט גרויסע שאָטענס אויף ווענד, וואָס אַמאָל לאַנגזאמער רוקט זיך די מידע האַנד. די ווערטער געהן אַרויס פון די שורות ביז די פעדער פערהאַלט זיך אינגאַנצען. דער קאָפּ הענגט אַראָפּ אויפ'ן ברוסט-קאַסטען. שווער זענען די וויהעס געפאַלען און פערדעקט דאָס ליכט פון די שוואַרץ-פייערדיגע אויגען, איינגע-דרימעלט! פראָסט מאָהלט בלומען אויף שויבען. אין גאס סקריפּען איינ-צעלנע, שווערע נאַכט-וועכטער טריט. ס'שלאָגט 4 א זייגער. ס'ליכט האָט זיך אין לופט אויסגעברענט, אין נישטיגקייט פערגאנגען, אויסגעלאָשען דורכ'ן פינסטער לייכט אַריין דאָס קאַלטע ווייסע לבנה-שיין. כ'ליג מיט איינגעהאַלטענעם אָטעם. — — —

כ'הער ווי א האַנד זוכט אַ זאַפּאַלקע. אַ קנאַק פון „אַ זאַפּאַלקע" און ס'איז ווידער אָנגעצינדען א פריש ליכט. ג. פרוי שענירער קוקט זיך אַרום אויב זי האָט מיט'ן אָנצינדען קיינעם נישט אויפגעוועקט פון א זיסען שלאָף.

כ'פערמאַך די אויגען, און יוע, זי בייגט זיך איבער די געדיכט-פערשריבענע בלעטער, און איהר האַנד רוקט זיך מיט גרעסערער שנעלקייט, ווי זי וואָלט געוואָלט די פּאָר דרימעל-מינוטען דעריאָגען — קוק'ך אויף איהר און קלער. — —

יעדע נאַכט איז דאָסזעלבע. א גאַנצע וואָך. נאָר שבת דעמאָלט רוהט זי. אָבער אויך ווען זי שרייבט נישט צו איהרע קינדער, די פּאָר לעהרערינס, וואָס זענען „צוזייהט אין אַלע ווינקעלעך, און וואַרטען אויף אינסטרוקציעס, אויף אַ טרייסט-וואָרט פון איהר, אויף זייער דאָרניגען וועג, רעדט זי פון דעם מיט אונז, אַרבייט איהר מח, און כ'וועל זיך נישט שעמען צו דערמאָנען: איך פלעג איינדרימלען א זעהר מידע פון איהר זיסער שטימע, אַזוי ווי אַמאָל אויף דער ליבער מוטערס שויס. שוין לאַנג האָבּ'ן די ליכט זיך אויסגעברענט, און מיר זענען אַלץ נאָך געזיצען... — — —

---

שפּעטער האָב'ך זי געקענט בעוואונדערן אויף א גאנצער רייזע. פון איין באַהן אויף דער צווייטער, טעג און נעכט, און מיר האָט זיך קוים דער אָטעם געהאַלטען, אָבער זי, די ג. פרוי שענירער איז קיין מינוט נישט רוהיג געזיצען: געלעזען, געשריבען. איך האָב זיך מיט מיין שוואַכקייט געפרעהט. מיינע עלטערן זענען אויף מיר בייז געווען. דאָס לעבען איז נישט פאַר דיר — האָבען זיי געשריבען — ביזט צו יונג. אָבער ווען כ'האָב דעם רוף געהערט האָב'ך אַנדערש נישט געקענט, נאָר ווייטער אין באהן געזיצען.

און געשלעפּט האָט מען זיך פון שטאָט צו שטאָט, גערעדט, ערקלערט, געגרינדעט. אין די פערוואָרפענסטע ווינקעלעך זענען מיר געווען. כ'געדענק אַ שטעטעל ווי מ'האָט אונז מכבד געווען מיט עפּעל, מיט גרויסע פלייש-גאָפּלען אַריינגעשטעקט... אין יענעם פערוואָרפענעם שטעטעל האָט מען אין בית-המדרש גערעדט, אַ קליין ענג שטיבעל מיט פיל, פיל ספרים. ווייבער צושויבערטע מיט טיכלעך איינגעהילט און אַ פּאָר „קולטור"-טרעגער לעשען אויס די לאָמפּען, האַקען שויבען און ס'פאַלען

---

קנוילען שניי, עס האָט זיך אין מיין קאָפּ דעמאָלט פערוואַלגערט געהטע'ס אַ געדאַנק: „דער שטורם פערטויבט, פערשטומט די מילדקייט". — — —

---

איך בעגריס פול-געפּאַקטע זאַלען וואונדערליך בעציהרטע עלעגאַנטע געבילדעטע הערערינס. יעדעס וואָרט איז געוואויגען און בעטראַכט. מ'רעדט וועגען פערשידענע טעאָריעס, פּראָבּלעמען, מ'לייגט פון זיי ברוק צום יודישקייט, און מ'וויל עס בעפוצען מיט'ן גלאַנץ פונ'ם גריכענטום, אַזוי ווי דאָס יודישע, וואָלט נאָר דע-מאָלט זיין תקון בעקומען, ווען ס'איז מיט נישט-יודישקייט געוויקעלט. איך האָב נאָך היינט פאַר מיר יענע לאָר-נעטקעס, דורך וועלכע מ'האָט יעדען ריהר מיינעם בעטראַכט.

און איך האָב געקלערט וועגען יענע קליינע פינסטערע שטעטלעך, וואוהין מיר האָבען זיך שעה'ן אויף פוהרלעך געשלעפּט, אנו, אז מ'האָט לאַנג געפיהלט דעם רעזולטאַט פון יענער גימינאַסטיק. כ'האָב געטראַכט וועגען יענע מענשען, און דער אונטער-עיר האָט געמאַכט מרוזשען די אויגען.

דער גאָלדענער פאָדעם איז נישט געווען, דאָ, לוקסוס, אַסימילאַציע, מאָדערן-יודישקייט, דאָרט: פרומקייט פּראָסטקייט, ווילדקייט. לאַנג אָבער צו טראַכטען איז קיין צייט נישט געווען, מענשען און שטעטלעך האָבען זיך פערבייגערוקט. ווי אַ פילם-טאַשמע, די באַהן האָט געפּיפען פון יעדער שטאָט, שטעטעל, האָב איך מיטגענומען אַ פּאָר טיף איינגעקריצטע בעשיידנע און ריין יודישע לעבענס-בילדער פון מענשען און סביבות.

די ג. פרוי שענירער האָט זיך געפרעהט, דען ס'האָט זיך אָנגעהויבען צו וועקען דאָס רעליגיעזע פרויען-לעבען, זי האָט ווייטער געשריבען און איך בין געזיצען ווי-זאַ-ווי, אַ צושאָקעלטע פון דער באַהן, אַמידע, אַ בערוישטע מיט האַלב-צוגעפאַלענע אויגען און געקלערט: וואָס דאַרף מען די מענשען צו געבען? ווי אַזוי קאָנען אַמבעסטען געהיילט ווערען די יודישע וואונדען? בין איך בערופען דערצו? כ'בין דאָך יונגער, די יונגסטע פון אַלע, וואָס הערען מיך! ווייסען זיי דען נישט מעהר פאַר מיר? און כ'האָב זיך געשעמט! און כ'האָב געוואָלט אויפהערען און זיך לערנען, לערנען צוערשט אַליין, ווערען עלטער...

נאָר ווען כ'האָב די מענשען געזעהן פערזאַמעלט האָט זיך אַ פייער אין מיר צופלאַקערט, און געברענט מיך און אַנדערע. עס האָט זיך עפּעס אַ ווייטאָג צושריגען, וואָס איז געווען פיל שטאַרקער פון מיר, כ'האָב זיך געמוזט איהם אונטערגעבען און רעדען, כאָטש כ'האָב נישט געוואָלט...

כ'בין מיד געווען פון עמאָציעס, מיד פון אַלעם, עס האָט זיך מיר געדוכט, אז איך בין עפּעס א „מין" וואָס ווערט גע-פיהרט אויף פאָרשטעלונגען. יעדעס אָנערקענונגס-וואָרט איז פאַר מיר אַ בעליידיגונג געווען, ווייל איך האָב קיינמאָל גישט געקענט אַרויסזאָגען מיין גאַנצען וועה-געשריי, און יעדע זאַך האָב איך קריטיש בעטראַכט. דערפאַר האָב איך בעוואונדערט די פרוי שענירער מיט איהר רוהיגקייט, ניכטערקייט. אין אַזאַ בעוואונדערונג זענען מיר


5 — בית יעקב

דער ציעל פון די „בית יעקב" שולען.

בית יעקב לכו ונלכה באור ד':
שרה שענירער.

דאָס ערשטע אַרטיקעל פון פרוי שענירער אין „בית-יעקב-זשורנאַל" (תשרי תרפ"ד) וועגן ציל פון די „בית-יעקב-שולען.

# מיטאַרבייטער פון בית־יעקב־זשורנאַל



הרב פנחס זעליג גליקסמאַן (לאָדז)



הארכיון היהודי

הרב אברהם אייזענבערג (לאָדז)

ארכיון אסופות



ה׳ דוד צבי זילבערשטיין (לאָדז)



יואל נפתלי קאַמיעניץ (לאָדז)



חיים דוד ראָזאַנעס (לאָדז)



הלל זיידמאַן (טאַרנאָפּאָל)

*

## די יודישע מוטער (סוף פון זייט 18)

אין אַזאַ ליבע מאַכט צו אַלעמען פעהיג. זי ענטשליסט זיך אויך צו דעם וואָס איז אייגענטליך נישט פערשטענדליך: זי רעדט צו יעקב׳ן אָוועקצונעמען פון עשו׳ן די ברכות.

אין א שענער סודות-פולער נאַכט רופט רבקה יעקב׳ן: „מיין זוהן די אוצרות פון טוי-ברכות זענען אָפֿען, די מלאכים זאָגען שירה. מאַך פאר׳ן טאטען שפייז, ער וועט דיך בענשען״.

בני. הלילה אוצרות טללים פתוחים בו. הלילה הזה עליונים אומרים שירה. עשה מטעמים לאביך ועד שהוא בעולמו יברך אותך (מ״ת תולדות).

מוטערליכקייט, הייסט פערזענליכע ענטזאַגונג: דאָס בעוואוסטע פון פרייוויליגען אָפּזאָגען זיך פון אייגענעם „איך״ צוליבען שטאַרקען ענטוויקעלנדיגען „איך״ פון קינד:

אויך עשו איז איהר בלוט און פלייש. און ער האָט איהר באמת קיין שלעכטס נישט געטון, דאָס וואָלט אָבער נאַטורגס-ליבע געווען, ווען זי וואָלט עשו׳ן ליב געהאַט. ס׳וואָלט געווען טיריש צוגעבענדיגקייט. ווייל רבקה האָט געוואָלט זיין מיט אלע פעדים פון איהר נשמה צו איהר קינד צוגעבונדען. איהר קינד ווי איהר פולס-שלאָג בעטראַכטען, און דאָס האָט זי נאָר געקאָנט ביי יעקב׳ן זעהן.

די נאַטירליכע מוטער האָט געמוזט פלאַץ מאַכען. דער אמת׳ער טרייער מוטערליכקייט...

„ווען רבקה איז געשטאָרבען האָט מען געשמועסט, ווער … ווען מען

מיט אַ כונה האָט דער פסוק די פטירה פון דער צדקת פערדעקט. — — —

די שווערע נאַכט האָט אין זיך די מטה איינגעשלינגען...

וואו זענען אונזערע רבקה׳ס? פאַרוואָס זעהן מיר נישט מעהר אמת׳ע טרייקייט ביי דער מוטער? פאַרוואָס זאָל די מוטער נישט מיט דערזעלבער זעלטענער מוטער-ליבע, מיט וועלכער זי קען זיך איינפיהלען און איינלעבען אין די פרימיטיווע טאָג-טעגליכע אינטערעסען, זיך אויך איינדענקען אין דער נשמה-צושטאַנד פון קינד? ווי שרעקליך ווערט די קולטור-ירושה פון יודישען פאָלק, פון דער יודישער טאָכטער פערנאכלעסיגט!!!

שווער אין די זינד, וואָס מען איז בעגאנגען אין גלות, וואָס מ׳האָט דער יודישער טאָכטער נישט אנטפלעקט דאָס שעהנקייט פון אונזערע חשוב׳ע אוצרות. וואָס מ׳ר האָבען אזוי לייכטזיניג צוגעלאָזט אַז די יודישע פרוי זאָל נישט קענען איהר הויכע אידעלע מיסיע, אלס יודישע מוטער צו ווירקען, דער בערוף וואָס זי האָט אייביג מיט שטאָלץ און העלדישקייט געטראָגען. אָנשטאָט דעם הייליגען גייסט פון איהר אייביגער געשיכטע פון איהר הויכער אויפגאַבע צו דינען, יאָגט זי זיך נאָך דעם הוילקייט פון לעבען. אין דעם יאָגעניש האָט זי דאָס בענקעניש צו איהר נשמה, צו איהר זעלטען אידעאל פערלוירען.

אונזערע פערטרעה׳טע אויגען זענען צו דער ענטוויקלונג פון „בית יעקב״ געווענדעט איהר דערהאַלטערין און בעלעבערין — די אַגודה. זאָל זי קענען ווייטער אויסבויען, און אויפהויבען. פון בית יעקב וועט צוריק אויפגעבויט ווערען דער „בית ישראל״



בית יעקב-לודז/גליון/שנה ז/גליון 050-051 a הודפס מתוך הארכיון היהודי

# לייענער און פריינד צום יובל־נומער

# פון ● בית־יעקב־זשורנאַל ●

יעקב בערלינער

## יובל — דער פרייהייטס־סימבאָל פאַר׳ן יחיד און כלל

עס טראָגט זיך נאָך אין די לופטען דאָס שאַלען פונ׳ם שופר און שוין איז יובל אויף דער וועלט. פרייהייט פאַר אַלע, אי פאַר׳ן בירגער אי פאַרן פרעמדען.

קנעכט, מיט געלעכערטע אויערן, זענען צוריקגעקומען אין זייערע היימען. די גרויסע ערד־בעזיצער האָבען געכוזט צוריקגעבען די אָנגעזאַמעלטע דורך די צייט גרויסע פּלעצער, צו זייערע אַלטע אייגענטימער. יעדער איז געוואָרען צוריק בעל־הבית פאר זיך.

אויך די ערד האָט א גאַנץ יאָהר גערוהט. מנוחה, פרייהייט האָט געהערשט אין אַלע ווינקעלעך פונ׳ם לאַנד, „וקראתם דרור לארץ.״ סיי דער יחיד סיי דער רבים האָט געגאָסען פון דער פרייהייט.

*

פערשקלאַפּט איז געווען די יודשע טאָכטער ביי די פרעמדע קולטורען. פעסט האָבען זי געהאַלטען די אָרעמס פון דער אַסימילאַציע, פערצוויפעלט איז געווען דער פרומער עלע־מענט צוזעהענדיג עס מיט שרעקעוודיגע אויגען, און נישט האָבענדיג צו דעם אַ רפואה.

ביז ס׳האָבען גענומען שיינען די „בית יעקב״ שטראַהלען ערגיץ פון די קראָקאָווער און לאָדזער ווינקלען האָבען זיי זיך גענומען דורכברעכען אַ וועג — אין תחילת אַ דאָרניגער און פיל מיט שטיינער — ביז זיי האָבען אַרומגענומען גאַנץ פוילען.

קייטען האָבען גענומען פּלאַצען פון די בליהענדע שטראַהלען און זענען זיך גענצליך צופאַלען. בעפרייט איז געוואָרען די יודישע טאָכטער פון דעם קנעכטשאַפט, פון די פּלאָגען און צרות, וואָס די פרעמדע קולטורען האָבען אויף איהר אָנגעוואָרפען.

6 יאָהר האָבען זיי געאַרבייט ביז ס׳איז געקומען דאָס זיבעטע, דער שמטה. און יעצט פייערן זיי טאַקי 2 יום־טוב׳ס מיט אַמאָל: דאָס שמטה־יאָהר, און דעם יובל־נומער.

פרייהט פאַר׳ן כלל.

*

מיר טאָרען אָבער צוליב דער שמחה נישט פערגעסען אויך אין דער פרייהייט פאַר׳ן יחיד.

זיבען יאָהר געפינט זיך שוין דער רעדאַקטאָר פונ׳ם ב״י זשורנאַל אינ׳ם דינסט פונ׳ם בית יעקב, מיט מסירת־נפש ווי נאָר אַ מענש קאָן...

און אויך אויף איהם דאַרף חל זיין דער יובל. אויך ער מוז פיהלען דעם טעם פון פרייהייט און ער פאָדערט דאָך שכר פאַר 7 יאָהר אַרבייט. נישט קיין מתנות ווי מען פיהרט זיך ביי לייטען, נאָר אַ קליינינקייט, מען זאָל ערמעגליכען דאָס ווייטערדיגע אַרויסגעבען פון ב״י.

ער וויל נישט קיין עמעריטור, קיין שכר פאַר זיין אַרבייט, נאָר ער זוכט ווייטערדיגע אַרבייט, ער שפּאַנט זיך ווידער איין אינ׳ם וואַגען פון אַרבייט, וועלכע איז פאַר איהם די פרייהייט.

ס׳איז דאָך נישט מעהר ווי אַ קליינינקייט, אַ „זעראָ׳ פאַר יענע אַלע זעליגסטען פאַר׳ן בית־געדאַנק — טאָרען מיר איהם דאָס אָפּזאָגען?

יובל דאַרף אויך זיין פאַר׳ן יחיד, מיר מוזען איהם זעהן דאָס צוציהעלפען, כדי ער זאָל זיין פרייע צייט אויך קאָנען ווידמענען אונז, די אַלגעמיינע אגודה, וועלכע איז אַזוי אָרעם אין אַזעלכע כוחות...

לאָדז

---

חנה שפּירא
טיקטין

## „בית יעקב״ — ערשטער אָרטאָדאָקסישער זשורנאַל

עס איז אַ בעוואוסטער פאַקט דאָס אַ פאָלקס־בעוועגונג שטייגט אָדער פאַלט לויט די מנהיגים און וואָרט־פיהרער וואָס עס פערמאָגט.

און אַ דאַנק טאַקי אונזערע ריכטיגע פאָלקס־פיהרער האָבען זיך העלדיש, דורך די טויזענטער גלות־יאָהרען, אונזער אייגענאַרטיגקייט דערהאַלטען. מיר האָבען זיך בעסער אויף די שייטער־הויפענס געלאָזט ברענען, געלע לאַטעס אויף אונזערע פּלייצעס אָנצייכענען, איידער נאָכצוגעבען די פערלאַנגען פון אונזערע פערפאָלגער, און ווערען מיט זיי איינס. דערפאַר זענען מיר אַלס די גרעסטע גייסטיגע גבורים אנערקענט געוואָרען.

די היינטיגע פּרעטענדענטען אויף דעם וואָרט פיהרערשאַפט, די ליטעראַטען און שרייבער, האָבען שוין אָבער אַ אַנדערן וועג אויסגעקליבען. זיי ווילען אונזער בכורה פאַר אַ טאָפּ פרעמדע קולטור־לינזען פערקויפען, זיי ציהען נישט זייער גייסטיגע יניקה פונ׳ם אייגענאַרטיגען יודישען לעבען, נאָר טינקען זייער גייסט אין פרעמדע טינטער, און פרעמדע קולטורען.

און אויסנוצענדיג דעם קנאַפּען בעוואוסטזיין פון די יודישע פאַלקס־מאַסען און גרינגשעצונג צו די הויכע און שעהנע מאָראַל פון יהדות, האָבען* זיי אונז גענומען לערנען, בלויז מיט פרעמדע קולטורען און ווערטהען זיך צו ענטציקען. מיטדער הילף פונ׳ם געדרוקטען וואָרט האָבען זיי אויף אונז געמאַכט אַזאַ גרויסען איינדרוק, דאָס מיר האָבען אָנגעהויבען גלויבען אפילו דעם קנאַפּסטען שרייבערל, וואָס איהם האָט געחלומט צווישען וואַך און אויף, צווישען שכרות און שגעון. און ווען אפילו זיי האָבען אונז גענומען שילדערן דאָס תורה־לעבען אין די טונקעלסטע פאַרבען, האָבען מיר ווייטער נישט אויפגעהערט אין זיי צו גלויבען, זיי האָבען אונז פער־רעמדט די יוגענד, זי אַרויסגעריסען מיט שאַרפע נעגעל און פערגיפטעט, אַז צומאָל בלוט איז שוין נישט געגאַנגען...

נישט גלייכגילטיג האָבען זיך מענשען מיט יודישער התלהבות און ווייטען בליק צוגעקוקט צו דעם אויסטערלישען געשעהעניש, ווי דאָס פאָלק האָט זיך אָפּגעקעהרט פון זייערע ביז איצטיגע פיהרער און געווענדעט די אויגען גאָר צו אַנדערע, וועלכע פערסמען די לופט מיט זייערע ווערטער. אָט־אָ די מענשען האָבען לאַנג געזוכט עצות צו דעם אומגליק ביז זיי



בית יעקב-לודז/גליון/שנה ז/גליון 050-051 a הודפס מתוך הארכיון היהודי
עמוד 35 מתוך 50

האָבען זיך ענטשלאָסען צו היילען די קרענק מיט די זעלבע מיטלען, וואָס האָבען געברענגט צו דער מחלה, צו געבען אַזא ליטעראַטור, וועלכע זאָל היילען די וואונדען, וואָס יענע האָבען פעראורזאַכט.

און דער ערשטער „ביזט בית-יעקב״-זשורנאַל געוועזען. דו ביזט געוואָרען דער וואָרט-פיהרער פון דער ב״י-בעוועגונג, האָסט דערגרייכט אין די ווייטסטע ווינקלען, וואו עס צאַפּעלט נאָך א יודיש הארץ, האָסט בעפרוכבערט דעם באָדען געשיט מיט ב״י-זאָמען, בעשיצט פון די ארומיגע שטורעמס און אזוי לאַנג געהאַלטען צושפּרייט דיינע פליגלען, ביז פון זאָמען זענען הערליכע פרוכטען אויסגעוואַקסען. דו האָסט מיטגעהאָלפען, אז די ב״י-אידעע זאָל פערוואַנדעלט ווערען אין א מעכטיקער בעוועגונג, האָסט צוזאַמענגענומען און פעראייניגט די אַלע פונאנדערגעשפּרייטע יודישע טעכטער, וועלכע האָבען נאָך אין זייערע הערצער יודישע ליבשאַפט פערמאָגט, און זיי האָבען זיך פאַרגענומען שטאָלץ און מוטיג דעם תורה-פאָהן ווייטער צו טראָגען. דו האָסט גערעדט צו זייער נשמה, וועלכע האָט אַמאָל דעם „נעשה ונשמע״ געזאָגט, און דו האָסט ביי איהר פרישע בעגייסטערונג פאַר׳ן יודענטום אַרויסגערופען. פיעל, פיעל פלעמלעך, וועלכע האָבען זיך שיעור געהאַט פערלאָשען, האָסטו צוריק פונאנדערגעפלאַקערט. צו שוואך זענען ווערטער, אין וועלכע מען זאָל קאָנען אויסדרוקען אַלץ, וואָס דו, ב״י-זשורנאַל האָסט פאַר דער ענטוויקלונג פון ב״י-געדאַנק געשאַפען!

און יעצט קום איך הייס בעגריסען דיין יובל-נומער. איך קום מיט דעם וואונש פון דעם חכם מכל האָדם, פון אונזער שלמה-המלך:

-- שְׁתֵה מַיִם מִבּוֹרֶךָ וְנֹזְלִים מִתּוֹךְ בְּאֵרֶךָ. יָפוּצוּ מַעְיְנֹתֶיךָ חוּצָה בָּרְחֹבוֹת פַּלְגֵי מָיִם יִהְיוּ לְךָ לְבַדֶּךָ וְאֵין לְזָרִים אִתָּךְ יְהִי מְקוֹרְךָ בָרוּךְ...

זייענדיג אפילו גאַנץ בעשיידען מוז מען דערויף ענטפערן: דער „בית-יעקב״ -- זשורנאַל! פיל פאַקטען בעשטעטינען, דאָס אפילו אין די ערטער, וואו דער ב״י-געדאַנק איז ביז-א-הער געוועזען גאַנץ פרעמד, קוים האָבען זיך דאַרטען בעוויזען די ערשטע ב״י-עקזעמפּלאַרען, האָט באַלד דער ב״י-געדאַנק אָנגעהויבען רייף צו ווערען, ביז ס׳איז אין קורצענס גערידעט געוואָרען א ב״י-שול, און ס׳איז אָרגאַניזירט געוואָרען די רעליגיעז-געשטימטע יודישע טאָכטער אונטער דער פאָהן: „בנות אגודת ישראל״.

שטוינענדיג איבער דער מסירות-נפש׳דיגער אַרבייט פון די רעדאַקציע בעזונדערס פון חשוב׳ן רעדאַקטאָר ה׳ א. ג. פרידענזאָן, וועלכער איז די נשמה פונ׳ם זשורנאַל — וועלכער ארבייט פונ׳ם ערשטען טאָג אָן מיט אויסדויער-קראַפט, מיט אייפער און עקשנות, ווי עס קענען נאָר אַרבייטען מענשען, וואָס זענען בעהערשט מיט דעם איינציגען געדאַנק, אַז זיי טהון א שווערע פעראנטוואָרטליכע ארבייט פאַר׳ן גאנצען טראַדיציאָנעלען יודענטום, און פערמאָגען דעם טיפען גלויבען, אַז סוף-כל-סוף וועט דער אָרטאָדאָקסיע* געלונגען צוריק צו בעקומען דעם אָריגינעלען טראַדיציאָנאַל-היסטאָרישען טיפּ פון דעם אַמאָליגער יודישער פרוי, וועלכע וועט אונזערע גראָהע, טרויעריגע טעג מיט גאולה-שטראַהלען בעלייכטען, פונקט ווי אין מצרישע צייטען (בזכות נשים צדקניות שהיו באותו הדור נגאלו ישראל ממצרים. סוטה י״א ב׳) — ווינש איך זיי צום 50-נומערדיגען יובילעום, דאָס זיי, און אויך מיר, זאָלען זוכה בקרוב צום זעהן, ווי אונזער ציל איז ערגרייכט געוואָרען.

שערפּץ, ה׳ טבת תר״ץ.

נטע פלינסקער
(שערפּץ)

# „בית - יעקב״ - זשורנאַל
# און
# „בית - יעקב״ — געדאַנק

אמת, די שטויס-קראַפט פון דעם אויפבליץ פון א אידעע, פאַר׳ן אויפשוואונג פון דעם גראַנדיעזען פּלאַן, איז קיינמאָל נישט די פּראָפּאַגאַנדע. די אָנרעגונג דערצו איז די פון ג—ט געבענשטע אידעאַלע שעפערישקייט, מיט וועלכע עס איז בעשאָנקען דער גאון און געניאַלער קאָפּ. אָבער, ווי נאָר דער געדאַנק איז שוין געבוירען געוואָרען אינ׳ם גאונ׳ס מח דאַן מוז מען שוין צוקומען צו דער פּראָפּאַגאַנדע, וועלכע דאַרף איהם פערקערפּערן, שאַפען פאַר איהם אָנהענגער, ווען עס דאַרף אָננעהמען דער כאַראַקטער פון א בעוועגונג, אַז נישט ווערט דער געדאַנק, ווי דער בליץ פערלאָשען.

אַ גרויסער און ערהאבענער געדאַנק איז געבוירען געוואָרען אין די מוחות פון די אגודה-אידעאָלאָגען, דאָס איז דער בית-יעקב-געדאַנק. א געניאַלער פּלאַן, ווי אַזוי צו ראַטעווען די שארית הפליטה, דאָס רעשט ביסעל טעכטער, וועלכע זענען נישט מיטגעריסען מיט׳ן שטראָם. און די, וועלכע וואַקסען אונטער, נאָר זי ערציהען אין גייסט פון דער תורה.

און ווער זענען עס געוועזען די, וואָס האָבען גענומען אויף זיך די שווערע אויפגאַבע צו פערשפּרייטען דעם געדאַנק, פּאָפּולאַריזירען, אָנצינדען די מוחות, איינצונעהמען הערצער? ווער זענען עס די, וועמען מיר האָבען צו פערדאַנקען, וואָס מיר פערמאָגען נאָך היינט א יודישע טאָכטער?

נ. ש. פּערלאָוו
(סטאַלין)

# אונזער טאָפּעלטע פרייד
## (צום יובל-נומער פון ב״י-זשורנאַל)

ארכיון אסופות

מיט גרויס שמחה האָבען זיכער מיר אַלע „בית-יעקב-לעזער אויפגענומען די באמת פרעהליכע בשורה, אַז דער היינטיגער „בית-יעקב״-נומער איז דער פופציגסטער, אַז ער האָט שוין אונטער זיך גאַנצע 49 נומערן. די רעדאַקציע דאַרף ווירקליך וואָרים בעגריסט צו ווערען. ביי אַזא געלעגענהייט ווילט זיך עפּיס אַרויסזאָגען, עס וויל זיך אַרויסשרייען די פרייד, וואָס בעהערשט אונז אלעמען.

און די פרייד איז אַ דאָפּעלטע. איינמאָל דער עצם פאַקט, וואָס א אָרטאָדאָקסישער זשורנאַל האַלט שוין ביי א יובל-אויסגאַבע, און צווייטענס, ווייל עס איז טאַקי דאָס ערשטע מאָל, ווען מיר פייערן א „יובל״ פון א אַרטאָדאָקסישע אויסגאַבע.

עס איז באמת א זעלטענהייט אין אונזער אָרטאָקסישע פּרעסע-וועזען, אַז א רעליגעזע צייט-שריפט, זאָל קענען דערציהען ביז א „יובל״-אויסגאַבע, בייצוקומען די אויסערגעוועהנליכע שוועריגקייטען, וועלכע ליגען זיך, ווי שווערע שטיינער אויף אונזער וועג. עס האָט נאָך קיין איין זשורנאַל נישט געהאַט אַזאַ זכי׳.

אַז מען רעדט פון בנין טאָר מען אָבער נישט פערגעסען אין דעם בויער! מיר מעגען פרעגען אונזערע פריינד; צי ווייסט איהר ווער עס איז דאָס דער בונה פון דעם פּרעכטיגען בנין? וועמען האָט דאָס דער ב״י-זשורנאַל צו פערדאַנקען זיין עקזיסטענץ?

איך ברויך זיין נאָמען נישט אָנצורופען. יעדער וועט אייך באַלד דערויף ענטפערן, אַז דאָס איז דער רעדאַקטאָר פון זשורנאַל.

זיין „עקשנות״, אויסדויער, פערברענטער אידעאַליזם, האָט מען צו פערדאַנקען דאָס, וואָס ס׳וואַרפט זיך יעצט פאַר אונזערע



בית יעקב-לודז/גליון/שנה ז/גליון 050-051 a הודפס מתוך הארכיון היהודי

אויגען דער לעבעדיגער, צאַפּעלדיגער „בית-יעקב"-זשורנאַל? ער האָט איהם, וואָס אַמאָל העכער געפיהרט ביז ער איז געקומען צו זיין יובילעאום.

ער, דער ענערגישער רעדאַקטאָר האָט דעם זשורנאַל נישט בלויז אַרויסגעגעבען, נאָר אויך פערשפּרייט איבער אַלע עקען פּוילען. ער האָט איהם צושיקט וואו נאָר זיין האַנד האָט דערגרייכט.

און פייערנדיג יעצט דעם יובל-יום-טוב פונ'ם „בית-יעקב"-זשורנאַל, טאָרען מיר אָן איהם, אָן אייגענטליכען הויפּט בעל-שמחה טאַקי אויך נישט פערגעסען.

און מיר ווינשען איהם פונ'ם גאַנצען האַרצען: פּיהר ווייטער מוטיג און שטאָלץ דיין הייליגע אַרבּייט צום רוחם פונ'ם רעליגיעזען יודענטום!

זאָל לעבען דער „בית-יעקב-זשורנאַל!

---

## רחל קעסליער
(קלעצק)

# דער אַקטיוו
## פון
# בית-יעקב-זשורנאַל

אָנטיילנעהמענדיג אין דער גרויסער שמחה, וואָס בעהערשט אַלע פריינד פון „בית יעקב-זשורנאַל צו זיין 50 נומער'דיגען יובילעאום, וועל איך זיך אויך אין קורצע ווערטער ערלויבען אַרויסצוזאָגען די פערשידענע געפיהלען, וואָס בעהערשען מיך אין אַט אָ דעם מאָמענט.

עס איז געוועזען מיט 3 יאָהר צוריק, ווען איך האָב ביי א היגען אגודה-עסקן צופעליג בעמערקט א נייעם זשורנאַל פאַר פרויען. מיין בליק איז געפאַלען אויף א אַרטיקעל פון דער געעהרטער פרוי שנירער. ווי איבערראַשט בין איך געוואָרען דערוויסענדיג זיך, אַז עס געפינען זיך נאָך אין אונזערער פרויען-מחנה ערנסט-דענקענדע פערזאָנען, וועלכע זענען נישט פערשוואונקט געוואָרען אין דעם ברויזענדען ים פון מאַטעריאַליזם, און וועלכע טראָגען זיך ארום גאָר מיט א אידעע צו אָרגאַניזירען די פרויען-יוגענד אונטער דער תורה פאָהן. די זאַך איז פאַר מיר געוועזען וואונדערליך און מערקווירדיג, און זי האָט מיך ערנסט פעראינטערעסירט. איך האָב דעם זשורנאַל צו מיר אהיימגענומען, און מיט א פערכאַפּטען אָטעם געשלונגען זיינע ווערטער. און באַלד האָב איך בעמערקט זיין גרויסע ווירקונג אויף מיר, איך בין מיטגעצויגען געוואָרען מיט זיין לעבעדיגען פריש-אָטעמדיגען גייסט, וואָס האָט פון איהם אַרויסגעהויכט, און בעגייסטערט געוואָרען פון זיינע וואַרימע און זיסע ווערטער;

האָבענדיג שוין פון פריהער א אינטערעס צום פרויען-עמאַנציפּאַציע-פּראָבּלעם, האָט דאָס בעגעגענען זיך מיט'ן אמת-יודישען וואָרט, און אמת יודישער שטעלונג צו דעם פּראָבּלעם געווירקט אויף מיר אזוי, אז איך בין גלייך געוואָרען א הייסע אָנהענגערין פון דער. נאָך דאַן זעהר יונגיטשקע „בית" בעוועגונג. איך האָב תיכף אָנגעהויבּע רעגולער צו אַבאָנירען דעם ב"-זשורנאַל, און פון דאַן אָן האָט מיין לעבען בעקומען אַ שענערן אינהאַלט, דאָס איז די אידעע פון „בנות אגודת ישראל", און איך וויל זיך נישט שעהמען און פשוט זאָגען אז איך האָב זיך פשוט איינגעליבט אינ'ם זשורנאַל, אזוי, אז די אנגענעהמליכסטע מאָמענטען פון מיין געגענוואַרטיגען לעבען זענען דאַן, ווען איך לעז דעם זשורנאַל אָט.

טאַקי די מאָמענטען זענען ביי מיר געוועזען די שטויט-קראַפט צו מעהר-וועניגער אַרבייט אויפ'ן געביעט פון פּראָפּאַגירען דעם „בית-יעקב" און „בנות"-געדאַנק, וועלכע איז מיר אין א גרויסער מאָס געלונגען. איך האָב זיך תיכף גענומען צו פערשפּרייטען דעם זשורנאַל און עס איז מיר געלונגען צו שאַפען 10 אַבאָנענטען פאַר'ן זשורנאַל. ביי פיל פריילינס האָב איך אַרויסגערופען א גרויס אינטערעס צו אונזער אידעאַל, און מען קען זיכער זאָגען, אַז אַ ד אַ נ ק ד ע ם „ב"י-ז ש ו ר נ אַ ל איז פערהאַן ביי אונז אין שטאָדט א צוגעגרייטער באָדען פאַר דער גריינדונג פון א „בנות"-אָרגאַניזאַציע, מיר וואַרטען נאָר אויף שטיצע מצד דער צענטראַלע.

יעצט ביים אַרויסגעבען דעם יובילעאום-נומער מוזען מיר אַלע פריינט אַנערקענען, אַז דער א ק ט י ו ו פון דעם „בית-יעקב"-זשורנאַל איז א י י נ ע ר פ ו ן ד י ר י י כ ס ט ע, וואָס עס קען פערצייכענען, וועלכער ס'איז אָרגאַן, אָדער זשורנאַל. פעראייניגט צוזאַמען מיט אַלע פריינד רוף איך אויס:

זאָל לעבען דער
„בית-יעקב"-זשורנאַל!

---

## ישעי' ווינאָגראַד
(טזשיזשעוו)

# „בית-יעקב"
## אַלס
# ליטעראַרישער זשורנאַל

מיט דער גרעסטער מאָס פרייד-געפיהל שרייב איך די דאָזיגע שורות. איך בין אַלס אונטער דעם איינדרוק פון אייער זשורנאַל, וועלכער האָט זוכה געוועזען צו זיין 50-סטען נומער אין וועמענס שמחה עס פרייען זיך מיר ביידע: סיי איהר, סיי מיר. איך פערהאָף, אז אזוי, ווי ער האָט ביז איצט עקזיסטירט אַזוי וועט ער אויך ווייטער עקזיסטירען צום נוצען פון דער אָרטאָדאָקסישער פרעסע.

מען וועט נישט זיין קיין פאַנטאַזיאָר אויב מען וועט זאָגען, אז דער ב"י-זשורנאַל איז דער בעסטער און שענסטער ליטעראַרישער זשורנאַל, וואָס דער אָרטאָדאָקסישער לעזער פערמאָגט ביים היינטיגען טאָג* אין דער וועלט, הן אין כמות, הן אין איכות, פונ'ם פיינעם עסטעטישען אויסזעהן ביז'ן ליטעראַרישען אינהאַלטס מאַטעריאַל, וואָס ווערט אין איהם פערעפענטליכט. די בעסטע אָרטאָדאָקסישע טאַלאַנטירטע שריפטשטעלער בעטייליגען זיך דאָך אין איהם. גענוג צו דערמאָהנען צוויי נעמען פון די חשוב'ערע, ווי: וו. ל י י כ ט ע ר און ש. נ אַ ד ל ע ר, וואָס דרוקען אָפט זייערע שאַפונגען אינ'ם זשורנאַל.

וו. ל י י כ ט ע ר אינהאַלטס-טיפקייט, מיט זיין פילאָזאָפישען דורכגעטראַכטען בליק, וואָס רוהט אויף זיינע אַרטיקלען, מאַכט געוויס דעם לעזער פערטראַכטען ביים לייענען. נישט איינמאָל לעזט דער לעזער זיינס א זאַך אַדורך, נאָכאַמאָל און נאָכאַמאָל — ער ווערט אָבער נישט פערמאַטערט ביים איבערלייענען — ביז ער דערפיהלט דעם טיפען מיין פון דער זאַך. דעמאָלט בלייבט דער לעזער טיף אונטערן רושם פון דער זאַך פערקלערט און פערטראַכט...

אויך אונזער בעלעהרענדיגער ש. נ אַ ד ל ע ר בעוואונדערט געוויס יעדען לעזער מיט זיין טאַלענט, מיט זיין שאַפונגס-רייכקייט, וואָס איז פערהאַן אומעטום אין זיינע זאַכען. שעצען וועט שטענדיג דער לעזער דעם ב"י-זשורנאַל, וואָס וועט ווייטער זייערע שאַפונגען דרוקען. דערום מוזען מיר אונטערשטיצען דעם ב"י-זשורנאַל, און מים אַלע כוחות אַרבייטען פאַר זיין ווייטערדי-



בית יעקב-לודז/גליון/שנה ז/גליון 050-051 a הודפס מתוך הארכיון היהודי
עמוד 37 מתוך 50

בער עקזיסטענץ, קוים ווילען מיר, וואָס ערוואַרטען פון אונזערע חשוב'ע און בעליבטע שרייבער.

מיר דאַנקען אויך אַלע מיטאַרבייטער, וועלכע אַרביי־טען מעהר ווייניגער מיט אונז אין זשורנאַל און דער עיקר דעם רעדאַקטאָר ה' א. ג. פרידענזאָן, פאַר זיין אומשעצבאַרער אַר־בייט, און מיר ווינשען זיי אַ ווייטערדיגען פרוכטבאַרען ערפאָלג.

טבת תר״ץ.

---

יעקב זאָבערמאַן.

# אַ בּאַלטער גוטער פריינד.

אויך איך וואָלט געוואָלט האָבען די זכי' שריפטליך אויס־צודריקען מיין שמחה, און דערציילען אַנדערע, וואָסער ווירקונג עס האָט אויף מיר געמאַכט דער „ב״י־זשורנאַל" אין צוזאַמענג מיט זיין פופציגסטער יובל־אויסגאַבע.

אַלס פשוט־יודישער לעזער, וועלכער איז תּמיד געווען פערטהון אין נישט־אָרטאָדאָקסיש־לעזע־מאַטעריאַל, און קיינמאָל אַפילו נישט געאהנט, אַז עס עקזיסטירט, וועלכער ס'איז אָרטאָ־דאָקסישע אויסגאַבע, האָב איך, זייענדיג אַמאָל ביים היגען רב צופעליג גענומען דעם „יוד", וועלכער איז געלעגען אויפ'ן טיש, מישענדיג די ציַיטונג, האָט זיך פאַר מיינע אויגען אַ וואָרף גע־טהון פאָלגענדער אַנאָנס: „עס קומט ארויס פון דרוק דער „בית־יעקב"־זשורנאַל, נומער 39". דער נאָמען „בית־יעקב" איז אפילו נישט מיר פרעמד געווען — געוואוסט, אַז אין פיל שטעט זענען פערהאַן אָרטאָדאָקס'שע טעכטער־שולען אונטער דעם נאָמען, אָבער, אַז זיי פערמאָגען אַנ'אייגענעם זשורנאַל, און דערצו מיט'ן זעלבען נאָמען האָט מיך אפילו נישט אָנגעהויבען צו חלומ'ן.

דעמזעלבען טאָג האָב איך געקויפט אַ טשעק און איינגע־שיקט 4 זל. פאַר אַ האַלב יאָהר, וואַרטענדיג עטליכע טעג מיט'ן גרעכטען אומגעדולד אויפ'ן „בית־יעקב" ביז איך האָב איהם צום מזל ערהאַלטען. אַדורכלייענענדיג איהם בין איך צו איהם געוואָ־רען אַזוי צוגעבינדען, אַז איך קאָן מיך נישט דערוואַרטען ביז אַ ווייטערדיגען נומער וועט ארויס, און וואַרט אויף איהם, ווי אויף אַ אַלטען גוטען פריינד. און נישט בלויז צו אידם. נאָר צו דער גאַנצער אָרטאָדאָקסישער פרעסע, אָבער. דאָס האָב איך איהם צו פערדאַנקען.

געבענשט זאָלען ווערען די הענד, וואָס בעמיהען זיך מיט איהם.

טאַרניגראָד.

---

י. ד. עפשטיין

(מ י ר)

# אַ בּריף צו אַ פריינד

ליבער ב״י זשורנאַל!

אין דיין לעצטען בריף, אין וועלכען דו האָסט מיר דערצעהלט וועגען אַ פאָרטזעצונג פון אַ קאָסטבאַרער הגרלה, און וועגען דיין יובל־פייערונג מיט אַ ספּעציעלער אויסגאַבע, וואָס זי דאַרף אין אַלע היגזיכטען איבערשטייגען דיינע אַלע פאָריגע אויסגאַבעס — האָב איך פּלוצים דערהערט אַ געזאַנג פון אַ פיל פערבעסערטען מצב.

און כ'האָב שוין יענעם בריף נישט געקאָנט אַוועקלייגען צווישען די פריהערדיגע דיינע בריף. געדענקסט דאָך נאָך אוודאי דיינע בריף! וועסט אַליין מודה זיין, אַז זיין אָרט איז נישט צווישען זיי...

און כ'האָב אין דער ערפרעהענדער בשורה שטאַרקער געפיהלט דעם גרויסען אָנהויב פון אַ נייער עפּאָכע אין'ם וועזען פון אונזער טאָכטער־דור, אַ שטאַרק טאָגען אין זייער ביז איצטי־גער גייסטיגער פינסטערניש. און גלייכצייטיג האָב איך געפיהלט און פערשטאַנען, אַז נאָר דו איינער, ב״י־זשורנאַל האָסט דאָס אַזוי פריי אַריינגעשטראַהלט אין זייער וועלט.

דיינע הויכע מושגים און אַלזייטיגע בעלויכטונגען האָבען זיך דאָך אַלעמאָל נעהאט איבערצוגעבען די יודישע טעכטער, אָבער זיי האָבען זיך אָפּגעשטעלט אין אונזער מח.

ווייל אַזעלכע, וועלכע דער ענדע־פונקט פון זייערע אַלע „ערהאַבענע" שטרעבונגען איז נאָר אַ פריי פעלד פאַר פוסטע לעבענס אין זייער „פריינדשאַפט" — נאָר אַ רייץ פון אַ ווילדען גענוס; וועלכע האָבען געפיהלט אַ ענגקייט אין גייסט פון אונ־זערע בעשיידענקייט'ס־געבאָטען, האָבען אָנגעשראָקען אונזערע טעכטער, אַז די תורה פערשמעלט און פערקירצט ווי וויט מעגליך זייער „לעבענס־האָריזאָנט" (לויט זייער אויפפאַסונג).

און די יודישע טעכטער האָבען מיט אַ בעזונדערן לייכט־זיניגען איראָנישען שמייכעל זיך דערווייטערט און פערשטעלט דאָס האַרץ פאַר אונזערע געפיהלען, אַזוי, אַז זייער וועלט האָט זיך שוין געפונען אין דער לאַגע פון אָפּגעשלאָסענקייט, וועלכע האָט שוין ענטזאַגט אַלע פערבעסערונגס־אויסזיכטען.

און אַז אין אַזאַ פינסטערער צייט האָט ערגיץ אַ שטראַהל געטהון. ס'איז אַרויפגעשוואומען דער הייליגער ב״י־געדאַנק און ס'האָבען זיך געגרינדעט פרויען־שולען האָט עס נאָך קיין גרויס האָפנונג איף אַ געהעריגער מאָס פערווירקליכונג נישט געבראַכט. און ווער ווייס טאַקי, ווען עס וואָלט יענער שטראַהל אַדורכגעדרונ־גען די אַלע שטויביגע אַטמאָספערען; ווער ווייס ווען וואָלט ער געקומען פון אַ ווינקעל, פון גאַליציישען קראָקא צו די פערוואָרפענסטע שטעטלעך פון די קרעסען.

נאָר דאָ ביזטו דאַן, ב״י־זשורנאַל געקומען און גענומען אויף זיך די הייליגע אויפגאַבע פון פערשפרייטען אומעטום דעם ב״י געדאַנק, און דאַן האָט זיך ערשט אָנגעהויבען זיין פולער פערווירקליכונגס גאַנג. איינציגע זענען צו ערשט געווען דיינע לעזערס, די איבריגע האָבען מעהרסטענטייל אפילו נישט געוואוסט וועגען דעם, און זעהר, זעהר גרויס זענען געווען די מכשולים אויף דיין וועג.

אָבער דו האָסט שוין פאַר שוועריגקייטען זיך נישט אָפּגע־שטעלט נאָר מיט אַ הויכען און לאַנגען רוף כסדר געהילכט און די פוסטקייטען פון גייסטיגען חלל. נאָכאַנאַנד געלערענט, געוועקט, און געמונטערט דעם אומבעוואוסטזיניגען פאָלקס־טייל, ביז דו ביזט ענדליך אריבערגעקומען דיינע גרעסערע מכשולים, האָסט זיך כוף־כל־כוף טיף און ווייט אריינגעריסען אין זייער וועלט אַריין, אַדורכגעלופטערט די הערצער און געמאַכט אריינפליסען אין זיי ריינעם נצחיות'דיגען אור תורה. ביז זיי האָבען ד[illegible]הויכקייט און אָנגעהויבען צו אנער־קענען אַז אונזער תורה־גאָרטען איז דער ברייטסטער, דער שענסטער און דער בעסטער.

מיר פערמאָגען שוין יעצט אַזאַ גרויסען געץ „ב״י־שולען, „בנות"־אָרגאַניזאַציעס, וואו מיר זעהן אַזעלכע רעליגיעזע טעכ־טער, וואָס מיר האָבען גאָרנישט ערוואַרטעט. דו ווייסט? מערכטענטייל פון מיין געגענד, ווען מען דערצעהלט זיי פון די למודים אין גייסט פון אַ ב״י סעמינאַר און פון דער אויפ־פיהרונג פון זיינע שילעריננס, ווילען זיי בשום־אופן נישט גלויבען, אַזוי קלינגט עס ביי זיי לעגענדאַריש.

און איך נעם דיין בינטעל בריף אין האַנד אריין, האָב איך פאַר מיר אַ סימבאָל פון אונערשעפּטער ענערגיע פאַר דער רעאַליזירונג פון אונזער אידעאַל.

און מיין האַרץ איז דאַן פיל מיט ווינשען פאַר דיר: ופרצת ימה וקדמה וצפונה ונגבה.

(די איבריגע בריף אין קומענדיגען נומער)

הארכיון היהודי

## צו דער רעדאַקציע

# בית-יעקב-זשורנאַל

מיט גלייכער פּאָסט שיק איך אויף אייער פּאָסט-טשעק קאָנטאָ 65.613
אַלס שפּענדע פאַר דער יובל קייט פון דער בית-יעקב-ליטעראַטור

............ זלאָטעס

גלייכצייטיג רוף איך אַרויס פאָלגענדע פּערזאָנען:

1) ........................................

2) ........................................

3) ........................................

4) ........................................

5) ........................................

זייערע אַדרעסען (אין לאַטיינישע שריפט)

1) ........................................

2) ........................................

3) ........................................

4) ........................................

5) ........................................

אונטערשריפט (דייטליך לעזבאַר)

מיין אַדרעס: ........................................

## מיין מיינונג וועגען בית-יעקב-זשורנאַל:

# שליס דיך אָן אין דער יובל-קייט פון דער בית-יעקב-ליטעראַטור!

# העלף מיט וואָס גיכער פערוואַנדלען „בית יעקב" אין אַ צוויי-וואָכען זשורנאַל!

שנייד אויס דעמדאָזיגען בריף און שיק תיכף אַוועק אין רעדאַקציע. זאָג אַרויס דיין מיינונג סיי אַנערקענונג, סיי קריטיק וועגען בית-יעקב-זשורנאַל. שרייב וואָס עס פעהלט אין איהם און וואָס דו פערלאַנגסט אַז עס זאָל זיך נאָך געפונען אין זשורנאַל. די רעדאַקציע וועט זיך ערנסט צוהערען צו דער מיינונג פון יעדען לעזער און יעדער לעזערין. תיכף נאָכ'ן דורכהאַלטען דעם בריף און דיין שפענדע פאַר דער יובל-קייט בעקומסטו אַ בעשטעטיגונג דורך אַ ספּעציעלע אַנדענקונגס-קאַרטע פון דער ב"י-בעוועגונג. אַלע בריף ווערען אויך געבונדען אין אַ ספּעציעל בוך צום אייביגען אַנדענקען! לייג אַריין דעם בריף אין אַ קאָנווערט און קלעב אָן אַ מאַרקע פאַר 25 גר.

אַדרעס: Redakcja „Bajs Jakow" Łódź skrz. pocz. 146

דאָס געלט שיק נישט אין קיין בריף, נאָר אויף פ.ק.אָ. 65.613

ארכיון אסופות
הארכיון היהודי

ארכיון אסופות

*

הארכיון היהודי

א. א. אַנוויזענדיג אויף דער נויטיגקייט צו אינטערעסירען זיך מיט דער ב"י בעוועגונג און טאַקי דידאָזיגע צ.ר. זיצונג האָט געהאָט אַ דעצידירענדע בעדייטונג, ווייל דר. דייטשלענדער האָט אַלס דירעקטאָר פון קרן-התורה אַנגעהויבען זיך שטאַרק אַנגאַזשירען אין דער בית-יעקב אַרבייט. צווישען די ערשטע פיאָנערינס אין דער בית-יעקב אַרבייט זעהן מיר אויך דאַן שוין די נאָך גאָר יונגע לעהרערינס. לאַצע שטשערינסקאַ (איצט פרוי וואַטשאַזש), רייזל ראזא, אסתר ראזא, פרל. הירשבערג (פרוי פאָגעל), פרל. שעקערקא, (פרוי בערלינער), אסתר גאָלדשטאף, חנה גוטער, ביילה טייטעלבוים, פרל. לאַנגער, פרל. קערשענבוים, דבורה שעראדזקא פרל. ריינהערץ א. א.

## תרפ"ה — (1924-1925)

ממשך דעם יאָהר פ"ה (24—25) זענען געגרינדעט געוואָרען געוואָרען נייע 19 שולען, צוזאַמען האָבען שוין עקזיסטירט 49 שולען מיט 6 585 תלמידות. אין חדש אדר פון זעלבען יאָהר איז אויך פאָרגעקומען די ערשטע בית-יעקב-קאָנפערענץ אין וואַרשאַ, דורך דער איניציאַטיוו פון דר. דייטשלענדער און א.ז. פרידמאַן. די דאָזיגע קאָנפערענץ איז געווען דער ערשטער שטויס צו אַ ברייטערער ענטוויקלונג פאַר'ן בית-יעקב שול - וועזען. די קאָנפערענץ האָט אָנגענומען וויכטיגע החלטות. (אויספיהרליכער בעריכט זעה ב"י זשורנאל אדר פ"ה 16 №). אויך צוו. אנד. האָט די קאָנפערענץ בעשלאָסען צו פערברייטערען דעם לעהר-אינסטיטוט אין קראָקאָ, אַלס אָפיציעלען לעהרערין-סעמינאר און לויט'ן פראָיעקט פון ה' שאפּיראַ צו צוטרעטען בויען אַ אייגען בנין, עס זאָלען ארויסגעגעבען ווערען לעהר-ביכער און אויך איינצואָרדנען אין זומער פאָרט-בילדונגס-קורסען פאר די שוין אַמטירענדע לעהרערינס. אויף אַ ספּעציעלער בעראַטונג איז אויך בעשלאָסען געוואָרען איבערצוגעבען דעם ה' פרידענזאָן, די אָרגאַניזירונג פון די אָרטאָדאָקסישע פרויען-אָרגאַניזאַציעס. אין די חדשים תמוז—אב זענען פאָרגעקומען די ערשטע פאָרטבילדונגס-קורסעןביידער בעטייליגונג פון דאָצענטען דר. עהרענטרוי (מינכען) פרל. דר. ראָזענבוים (פראַנקפורט) פרל. מאַנעס און פרל. ראָטשילד (איצט פרוי ווערשנער) פון ציריך, פרל. שרייבער (וויען). די קורכען זענען פאָרגעקומען אונטער דער לייטונג פון דר. דייטשלענדער (די פינאַנציעלע זאָרג האָט געטראָגען דער געוו. סענאַטאָר משה דייטשער), אויך האָבען אויף דעם צוועק געגעבען געלט מיטלען די אָרטאָדאָקסישע פרויען אין דייטשלאַנד. (אויספיהרליך וועגען די קורסען זעה ב"י נומער 21—19). אין סוף יאָהר פ"ה איז אויך ערשינען דאָס ערשטע בוך פאר דער ב"י שול „יודישע געשיכטע" פון דר. שטערן בעאַרבייט דורך דיר. מ. בוימבערג. (אַרויסגעגעבען דורכ'ן פערלאַג „מסורה" אין לאָדז). אין יאָהר פ"ה האָט אויך אַנגעהויבען ערשיינען דער „קינדער גאָרטען" צו ערשט אַלס ביילאַגע צום ב"י און אין תמוז שוין אַלס בעזונדער ביכעל, מען דאַרף דערביי בעמערקען, אַז ביז דאַמאָלט פלעגט מען כמעט אַלעס אין די שוין פערהאַנענע 49 שולען לערנען פון די העפטען, וואָס פרוי שענירער האָט געשריבען און די לעהרערינס האָבען אָפּקאָפּירט... פון די דאָזיגע העפטען פלעגט מען לערנען אַלץ, דת, געשיכטע, יודיש, קינדער - שמועסען א.א.וו. דאָס איינציגע געדרוקטע ביכעל אין יודיש איז געווען „יהודית" פון פרוי שענירער. דער ב"י זשורנאַל און קינדער-גאָרטען האָט שוין דאַן טיילווייז געלינדערט די נויט פון לייען-מאַטעריאַל און דער „קינדער גאָרטען" האָט דאָס נאָך פערפאָלקאָמט. און סוף יאָהר פ"ה איז אויך נאָך פראָקלאַמירט געוואָרען דאָס שאַפען פון צענטראַלען סעקרעטאַריאַט (דעמאָלט מיט'ן נאָמען „עזרא" — אין דייטשלאַנד עקזיסטירען אַזעלכע אָרט, אָרגאַניזאַציעס) פון בנות-אגודת-ישראל אין לאָדז אונטער דער לייטונג פון א. ג. פרידענזאָן.

## תרפ"ו — (1925—26)

דאָס יאָהר פ"ו האָט שוין פאַר זיך אַ שענעם אקטיווען בילאַנס פון די פריהערדיגע יאָהרען. צום נייעם שול-יאָהר (1925—26) איז אויך געגרינדעט געוואָרען אַ ב"י-שול אין וואַרשע אויף נאַלעווקי 37 דורך דער איניציאַטיוו פון ה' יואל אונגער, (ביז היינט דירעקטאָר אין דער שול). אויך זענען אין יאָהר 1926 צוגעקומען 6 נייע שולען, צוזאמען אלזאָ 55 שילען מיט אַ צאָהל פון 7340 תלמידות (דאָס וואָס אין יאָהר 26 זענען בלויז צוגעקומען 6 שולען איז געווען אַ רעזולטאַט פון דער וואַרשאַווער קאָנפערענץ, וועלכע האָט בעשלאָסען דאָס די לעהרערינס מוזען אדורכמאַכען א לענגערען קורס אין קראָקאָווער סעמינאַר). פון ווינטער פ"ו איז שוין אין סעמינאר אָנגעקומען נייע פעדאַגאָגישע קרעפטען צו הילף דער פרוי שענירער, ווי פרל. דר. ראָזענבוים און פרוי ווערשנער. דאָס פראָגראַם אין סעמינאַר איז בכלל געשטיגען, די פינאַנציעלע אחריות האָט איבערגענומען די אלוועלטליכע קרן-התורה-צענטראַלע. אין שבט-צייט איז פאָרגעקומען א בעראַטונג אין קראָקא וועגען די ווייטערדיגע אַרבייט פון דעם שוין פון פריהער געגרינדעטען צענטראַלען סעקרעטאַריאַט אין לאָדז. אין דער בעראַטונג האָט זיך אויך בעטייליגט ה' פרידענזאָן און עס איז בעשלאָסען געוואָרען צו רופען די גרינדונגס-קאָנפערענץ פון בנות-אגודת-ישראל קיין לאָדז אויף כ"ו כ"ז אדר. צום טערמין איז די קאָנפערענץ פאָרגעקומען (ביים צוזאַמענרופען די קאָנפערענץ אין לאָדז האָט פיל מיטגעהאָלפען פרוי זשעמבא פרוי גוטער און פרוי הערצאָג — די לעצטע היינט אין ניו-יאָרק) און עס האָבען זיך אין איהר בעטייליגט א ערך 30 דעלעגאַטינס פון 15 שטעט. די קאָנפערענץ האָט געהאַט ערפאָלג (אויספיהרליכער בעריכט זעה ב"י זשורנאל ניסן פ"ו). די אָפיציעלע לייטונג פון צ.ס. האָט דאַן איבערגענומען לויט'ן פערלאַנג פון דער קאָנפערענץ ה' פרידענזאָן. אין די חדשים אב אלול פ"ו זענען פאָרגעקומען די פאָרטבילדונגס-קורסען אין יאָרדאנאָוו ביי דער מיטאַרבייט פון ה' פרידמאַן און בוימבערג. דאָס יאָהר פ"ו איז געווען דאָס שרעקליכסטע קריטישסטע יאָהר פאר'ן ב"י-זשורנאַל, די רעדאַקציע איז געבליבען הינטערשטעליג פון די יאָהרען פ"ד-פ"ה מיט א דעפיציט פון אייניגע טויזענד זלאָטיס... (די סבה דערפון: דער זשורנאַל איז געשיקט געוואָרען במשך די צוויי יאַהר, יעדען וואָס האָט נאָר פערלאַנגט און לסוף זענען אָנגעקומען חובות אָהן שיעור און היות די חובות זענען נישט בעצאָהלט געוואָרען איז די רעדאַקציע געבליבען אין קלעם אָהן א אויסוועג...). אָנהויב פ"ו איז דער זשורנאל נישט מעהר ערשינען. ערשט בכלו פ"ו איז ביי דער מיטהילף פון ה' האַבינאָוויטש פון לאָדז ערשינען א נומעה, דאָס איז געווען אָבער נאָך אַ שווערער קלאַפּ... דער



ערשטער צוזאמענפאָהר פון בנית-אגודת-ישראל אין לאָדז, כ"ו, כ"ז אדר פ"ו



בית יעקב-לודז/גליון/שנה ז/גליון 050-051 a הודפס מתוך הארכיון היהודי
עמוד 42 מתוך 50

נומער האָט געהאַט קרן-קאָסטען זיבענהונדערט זל. און אָפּגע-
נומען איז געוואָרען הונדערט דרייסיג זל.

— — — — — — — — — — — —

ערשט אין ניסן פ"ו איז אַ דאַנק איינינע שטעט, וועלכע האָבען אויף זיך גענומען צו צאָהלען פריהער אויס פאַר יעדען נומער, צוריק אָנגעהויבען ערשיינען דער זשורנאַל אָבער שוין אין זעהר אַ פערקלענערטען פאָרמאַט...

## תרפ"ז (1926–27)

במשך דעם גאנצען יאָהר פ"ז האָט די בנות- און בית-יעקב-בעוועגונג ווידער געהאַט צו פערצייכענען גרויסע ערפאָלגען. אין חודש אָדר פ"ז איז פאָרגעקומען די עקזאמענס פון 27 לעהרערינס, וואָס האָבען פערנומען פאָסטענס אין נייע 27 שולען. די לעצטע לעהרערינס האָבען שוין געהאַט אַ בעדייטענד לענגערע אויסבילדונג אין סעמינאַר.



די תלמידות פון סעמינאַר אין יאָהר תרפ"ו

אויך איז אין חודש אָדר פאָרגעקומען די איינגיעהריגע יובילעאום פייערונגען, זינט דער עקזיסטענץ פון בנות-אגודת-ישראל. לכבוד דעם יובילעאום איז אויך ערשינען אַ פערגרעסערטער נומער פון בית-יעקב-זשורנאל (№ 25) מיט אַ סטאטיסטיק פון דער בעוועגונג. אין חדש סיון (פ"ו) איז פערעפענטליכט געוואָרען דער ערשטער אויפרוף פון בוי פאַר'ן בית-יעקב-סעמינאַר דורכ'ן ועד-הפועל פון דער אגודה (זעה בית-יעקב זשורנאַל נומער 27). עס זענען אויך אָפּגעהאַלטען געוואָרען די ווייטערדיגע פאָרטבילדונגס-קורסען אין יארדאנאָוו. ט"ו אלול איז ענדליך פאָרגעקומען די גרונדשטיין-לייגונג פון בית-יעקב-סעמינאַר מיט גרויס פייערליכקייט. עס האָבען אַנטיילגענומען קרוב פינף טויזענט מענשען און די אָנגעזעהנסטע אגודה-פיהרער פון לאַנד און אויסלאַנד. דער סטאניסלאַוואַ-פלאַץ (דאָס אָרט פון בוי פון סעמינאַר) האָט געהאַט אַ אימפּאָזאנט אויסזעהן בעת דער היסטאָרישער פייערונג און עס האָבען רעדס: הרב לעווין, דער קראָקאָווער רב, הרב קאָניצער, דער בענדינער רב הרב יעקב ראָזענהיים, ד"ר פנחס כהן, ד"ר דייטשלענדער א. א. פון סוף יאָהר פ"ז איז אויך געווען אנגאזשירט אין סעמינאַר די זאָצענטין פרל. לאַנדסבערג.

דאָס יאָהר פ"ז האָט זיך געענדיגט מיט זעהר גינס-

פערספּעקטיווען אויף דער צוקונפט. אויך דער מצב פון בית-יעקב-זשורנאַל האָט זיך געהאַט אַ ביסעלע פערבעסערט. עס איז צוריק פערגרעסערט געוואָרען דער פאָרמאַט. דער זשורנאַל איז אָבער דאָך נישט ערשינען רעגולער און ווייטער זיך געראנגעלט מיט אַ גרויסען דעפיציט. אין סוף יאָהר פ"ז האָט אויך דער ב"י געדאַנק אָנגעהויבען אריינדרינגען אין אויסלאַנד, עס זענען געגרינדעט געוואָרען שולען אין וויען, אַ דאַנק דער מיטווירקונג פון הרה"ג לויא און טירקעל און אין קאָוונע אַ דאַנק הרב כהנמאַן. אין יאָהר פ"ז איז אויך פאָרגעקומען די מיידעל-שוץ קאָנפערענץ אין לאָנדאָן וואו דר. דייטשלענדער האָט בעקענט די קאָנפערענץ-דעלעגאַטען מיט דער ב"י בעוועגונג. אין סוף יאָהר פ"ז זענען אויך פאָרגעקומען שטאָט-ראַט-וואַהלען אין פוילען און די בנות-בעוועגונג האָט שוין דעמאָלט פיל מיטגעווירקט פאַר'ן זיג פון די אָרטאָדאָקסישע ליסטעס אין פיל שטעט.

אויפ'ן געביט פון שול-ליטעראַטור איז ערשינען דאָס זעהר נוצליכע לערן-בוך פאַר עברי און התחלת לשון הקודש „עברי אָנכי"—(פערלאַג לעווין-אַלטער—בענדין) פון א. ז. פרידמאַן און „יהדות" שול-בוך פאַר דינים, עטיק און מאָראַל פון י. נ. קאַמיעניץ א. א. אויך אַ וויכטיגע אַרבייט האָט געטהון ה' משולם קאַמינער, ארויסגעבענדיג דורך זיין פערלאַג „החנוך" פיל בענדער פון זיין ווערק „יודישע געשיכטע לויט דער תורה" „ימים-טובים-אַלמאַנאַך" א. א. וו.

## תרפ"ח (1927–28)

אָנהויב יאָהר פ"ח האָט זיך אָנגעהויבען אַ זאַמעל-אַקציע פון בוי-שטיינער פאַר'ן ב"י סעמינאַר. די אַקציע האָט געהאַט אַ געוויסען ערפאָלג. במשך דעם יאָהר פ"ח זענען אויך געגרינדעט געוואָרען נייע 32 שולען. אויך האָט זיך אָנהויב ווינטער געעפענט אין לאָדז אַ צווייטע בית-יעקב-פאָלקס-שול (אונטער דער לייטונג פון ח. ד. ראָזאַנעס). י"ט כסלו איז פאָרגעקומען אַ צענטראַל-ראַט זיצונג פון דער אַלוועלטליכער אגודת-ישראל און אויפ'ן פאָרשלאַג פון ה' פרידענזאָן איז דאַן בעשלאָסען געוואָרען, אַז די קרה"ת צענטראַלע דאַרף אונטערשטיצען דעם בנות-פיהרערין-קורס. אַ בעזונדער פערשטאַרקטע טעטיגקייט האָט ארויסגעוויזען דאַן די קראָקאָווער „בנות". ניסן-צייט ערשיינט אונטער דער רעדאַקציע פון דר. דייטשלענדער אַ דייטשע בראָשור „בית יעקב, זיין וועזען און ווערדען" (אויך אין ענגליש) אין יודיש אונטער דער רעדאַקציע פון רעד. שבתי שיינפעלד. אָנהויב זומער פ"ח ווערט געפיהרט אין לאַנד און אויסלאַנד אַ אינטענסיווע אַקציע פאַר'ן בוי פון ב"י סעמינאַר. אין וואַרשאַ ווערט דאַן געגרינדעט אַ אָרגאַניזאַציע פאַר רעליגיעזער טעכטער-ערציהונג אונטערן נאָמען „יהודית", ביי וועלכע עס האָט גרויסע פערדינסטען ה' יואל אונגער, מתחי שימאָוויטש, יוסף הענעך אסמאַן, יוסף וואַרשאָווער און סעקרעטאַר יצחק ראַוויטש. אויך האָט אין זומער בעזוכט לטובת דעם ב"י סעמינאַר אַמעריקא הרב טובי' האָראָוויץ, פאַריז, ד. דייטשלענדער, איינינע שטעט אין פוילען א. ז. פרידמאַן, י. ל. אָרלעאַן, אָשר שפּירא, מאָטעל



גרונדשטיין-אַקט פון בית-יעקב סעמינאַר, וואָס בויט זיך אין קראָקא





בית יעקב-לודז/גליון/שנה ז/גליון 050-051 a הודפס מתוך הארכיון היהודי




ב"י פערוואלטונג-ראט אין קראקא
(זעה דאס בילד און די נעמען אין זשורנאל 30 №)

לוקסענבורג א. א. ביים סוף יאהר פ"ח (צום שול-יאהר 28 29) ווערט ווידער געעפענט 2 נייע בית-יעקב-שולען אין ווארשא. די ערשטע טווארדא 35 אונטער דער לייטונג פון י. ל. ארלעאן און די צווייטע אונטער דער לייטונג פון א. מ. ראגאווי.

אין יאהר תרפ"ח איז אויך ערשינען דער ערשטער און צווייטער טייל פון דער ערשטער יודישער בית-יעקב-כרעסטאמאטיע דורך הרב. גוטענטאג, א. ז. פרידמאן, מאיר שווארצמאן און א. מגן, (ארויסגעבער פערלאג „מסורה" לאדז) אין צווייטען טייל כרעסטאמאטיע געפינען מיר פיל איבער-געדרוקטע זאכען פון „קינדער-גארטען" און בית יעקב-זשורנאל. עס ערשיינען אויך דורך די פערלאגען „מסורה" און „ישורון" פיל בעלע-טריסטישע ווערק, צוו. וועלכע עס פערנעמען א בעזונדער חשוב ארט די גרויסע בעלעטריסטישע ווערק פון ש. ראט-שטיין.

דער בית-יעקב זשורנאל אין יאהר פ"ח איז ערשינען נאך אין 6 נומערן. קינדער-גארטען —4 נומערן.

סוף יאהר פ"ח איז אויך פארגעקומען דאס אויספערטיגען פון א אייגען הויז דורך דער מלאווער קהלה פאר א ב"י שול. דער הויפט-טהוער איז דער פרעזעס פון דער דארטיגער קהלה ה' פנחס מאנדרי.

# תרפ"ט (1928–29)

במשך דעם יאהר „2929 זענען ווידער צוגעקומען נייע 32 שולען (צוזאמען אלזא 147 שולען מיט קרוב 20 טויזענט תלמי-דות). דאס דאזיגע יאהר דערגרייכט דעם קולמינאציאנס-פונקט אין דער ב"י ארבייט, אויף אלע געביטען. עס ווערען דורכ-געמאכט אפטע אינספעקציאנס-רייזעס פון פרוי שרה שעניר. אין חשון קומט פאר אין ווארשא די דריטע לאנד-קאנפערענץ פון דער אגודה, וואו עס טרעטען ארויס מיט רעדעס די ה"ה: א. ז. פרידמאן (וועגען ב"י) און ה' א. ג. פרידענזאן (וועגען דער בנות-בעוועגונג). די קאנפערענץ נעמט אן פיל וויכטיגע בעשלוסען (אויספיהרליך זעה ב"י זשורנאל 37). עס ערשיינען אויך נייע לעהר-ביכער. גאנץ בעזונדער צייכענט זיך אויס דאס יאהר אין דער בנות-ארבייט. אין דער 40-טער יאהר-צייט פון רש"ר הירש ווערען איינגעארדענט יאהרצייט אווענטען דורך אלע בנות גרופען. אין לאדז ווערט אויפ'ן פארשלאג פון ה' ד. ה. זילבער-שטיין געשאפען דורך „בנות' אפרויען-קאמיטעט אויפצובויען א יתומים הויז אין לאדז. אין חודש טבת קומט פאר א ראיאן-קאנפערענץ אין בעלכאטאוו, אין שבט א ראיאן-קאנפערענץ אין קראקא. אין חודש שבט ווערט אויך ענדליך נאך פיל בעמיהונגען פון פרל. ראזא געגרינדעט א בנות-ארגאניזאציע אין ווארשא. אין די חדשים אדר-ניסן פיהרט דער צ.ס. פיבערהאפטע הכנות צו דעם לאנד-צוזאמענפאהר פון „בנות". אין זשורנאל ווערט דורכגעפיהרט אן אנקעטע צווישען עסקנים און עסקניות. די קאנפערענץ קומט פאר ט'-י"א אייר אין לאדז. עס בעטייליגען זיך 200 דעלעגאטינס פון העכער 100 שטעט. צו דער קאנפערענץ קומען פיל אגודה-פער-זענליכקייטען פון לאנד און אויסלאנד און די וואס האבען נישט די מעגליכקייט פערזענליך אנטייל צונעמען שיקען צו זייערע ווארימסטע בעגריסונגען. די קאנ-פערענץ רופט ארויס א אונגעהויערען אינטערעס אין דער גאנצער יודי-שער עפענטליכקייט. אלע יודישע צייטונגען אין לאנד און אין אויסלאנד ווידמען לאנגע ארטיק-לען און אויספיהרליכע בעריכטען. די בעגייסטערונג אין דער גאנצער ארטאדאקסישער וועלט איז געווען נישט צו בעשרייבען. די קאנפערענץ נעמט אן פיל וויכטיגע בעשלאסען. (אויספיהרליכער בעריכט פון דער קאנפערענץ—זעה ב"י זשור-נאל נומער 43). גלייכצייטיג ווערט בעת דער קאנפערענץ געפיהרט א געלט-זאמלונג פאר'ן ב"י סעמינאר אין לאדז, וועלכע ברענגט זעהר גוטע רעזולטאטען. ביים שלוס פון שול-יאהר 28-29 ארדנען איין די לאדזער ב"י שולען א אויסשטעלונג פון קינדערישע קונסט-ארבייטו-גען און די אויסשטעלונג האט גרויס ערפאלג. דער פערבאנד „יהודית" אין ווארשא ארדענט איין א זומער-קאלאניע עס איז דער ערשטער פאקט פון אזא קאלאניע פון וואס עס געניסען אויך ארימע קינדער. (אויספיהרליכע בעשריי-בונג פון דער קאלאניע זעה ב"י נומער 46 פון יצחק ראוויטש). אויך ארדענט איין א



צווייטער לאנד-צוזאמענפאהר פון בנות-אגודת-ישראל (לאדז כ' י"א אייר פ"ט)



די „יהודית"-קאלאניע אין מראזי — אויבענאן פרל. ראזא (ווארשא)

הארכיון היהודי



די פאָרטבילדונגס-קורסען אין ראַבקאַ פון ב״י-לעהרערינס (זומער פ״ט) 1) פרל. שרייבער (ווין)
2) פרל. דר. ראָזענבוים (פראַנקפורט) 3) פרל. שטשעריינסקא (קראָקא)

זומער קאָלאָניע אין ראַבקע פון די לאָדזער ב״י שולען אונטער דער לייטונג פון פרוי פאָגעל און פרל. סאָבוטקא. אין זומער פ״ט איז אויך פאָרגעקומען די פאָרט-בילדונגס-קורסען פון בית-יעקב-לעהרערינס פון ראַבקא. ביי די-דאָזיגע קורסען האָט אַ בעזונדער גרויסע לייסטונג געהאט ה׳ י. ל. אָרלעאַן, וועלכער האָט פע-דאגאָגיש די קורסען זעהר פיל, פיל נוצען געברענגט.

אין אָנהויב יאָהר תר״ץ האָט דער זשורנאל נאָך מעהר פער-גרעסערט דעם פאָרמאט, נישט האַכערענדיג דעם פריין. אזוי אויך איז פערגרעסערט געוואָרען דער זשורנאַל „קינדער גאָרטען״ און די אויסגאַבען האָבען זיך קאָלאָסאל - בעדייטענד פערגרע-סערט. אין די ערשטע חדשים פון יאָהר תר״ץ איז אין דער ב״י בעוועגונג קיין פיל נייעס נישט געשעהן. א חוץ ערשט פאַר׳ן שליסען דעם היינטיגען יובל-נומער האָבען זיך אָנגעהויבען די הכנות צו דער קאָנפע-רענץ פון די ב״ת-יעקב-פערוואלטונגען אויף י״ח שבט אין ווארשא, צו וועלכע עס קומט אויך דער פרעזידענט הרב יעקב ראָזענ-היים, האָפענטליך וועט דאָס זיין ווידער א וויכטיג געשעהעניש אין ב״י לעבען. פאַר׳ן שליסען דעם בעריכט פון יאָהר 1929 קאָנען מיר אויך נישט אריבערגעהן, נישט צו דערמאָנען דאָס גרויסע געשעהעניש אין לאָדזער ב״י לעבען. די שולען ווערען איצט איבערטראָגען אין אַריזיג-גרויסען לאָקאל פון 25 צימערן. עס פרעהט אונז גאנץ בעזונדער פעסטצושטעלען אַז דער ער-פאָלג פון ב״י געדאנק אין לאדז וואו דער זשורנאל ערשיינט האָט אַזאָלכע גרויסע ערפאָלגען געבראַכט. דערביי דאַרף מען אויך צו פערצייכענען די טיכטיגע ארבייט פון דער פערוואלטונג און די ה״ה מ. וואוידיסלאווסקי, א. גליצענשטיין, ד. פאָלאַטש, מ. באנ-דא, ל. פיינגאָ״ד, ש. גרינבערג ב. שוויאַטלאָווסקי און די דירעקטאָרען י. ג. קאמיעניץ, ח. ד. ראָזאנעס און סעקרעטאר י. מ. ראָזענבערג.

ארכיון אסופות

מיר ווילען אויך נאָך דערמאָנען אז אַ פרעהליך געשע-העניש אין אונזער חינוך-הבנות-אַרבייט. איז דער אָקאָרשט-ער-שינענער ביולעטין פון „יהודית״-פערבאַנד אין וואַרשא, פון וואָס עס איז צו זעהן די ריזיגע וויכטיגע ארבייט פונ׳ם פערבאַנד. אויך גיט ארויס דער פערבאַנד ביליגע בראָשורען „פאָפולערע שמועסען וועגען דער פליכט פון יודישען מענש״ אונטער דער רעדאַקציע פון י. ראַוויטש. די בראָשורען זענען אויך נוצליך פאַר ב״י און בנות-קרייזען.

פאראלעל מיט די פאָרטבילדונגס-קורסען איז אויך פאָר-געקומען דער פיהרערין-קורס אין ראַבקא אונטער דער לייטונג פון פרל. שטשעריינסקא. דער פיהרערין-קורס האָט זיך זעהר גוט איינגעגעבען (אויספיהרליכע בעשרייבונג פון פיהרערין-קורס זעה ב״י נומער 45 46).

אין אלול פ״ט צוגלייך מיט דער צווייטער כנסי׳ גדולה אין וויען איז אויך דורכ׳ן צ.ס. אין לאָדז, לויט׳ן אויפטראַג פון דער אַלוועלטליכער אגודה-לייטונג אָרגאניזירט געוואָרען דער ערשטער וועלט-קאָנגרעס פון אגו-דיסטישע פרויען. אויף דער כנסי׳ גופא, איז געלייענט געוואָרען אַ דעקלעראציע פון דער בנות-צענ-טראַלע אין פוילען. פאַר׳ן שליסען דעם נומער דערגרייכט אויך צו אונז די פרעהליכע ידיעה פון א אימפאָזאנטער ראַיאָן קאָנפערענץ פון בנות-אַגודת-ישראל, וואָס איז נאָר וואָס פאָרגעקומען אין פולטוסק (ו׳—ז׳ שבט). די קאָנפערענץ איז פאָרגעקומען דורך דער ענערגישער איניציאַטיוו פון פרל. נאַשעלסקא און עס האָבען זיך אין איהר בע-טייליגט קרוב 60 דעלעגאַטינס און אויך דער לייטער פון צ.ס. א. ג. פרידענזאָן. די קאָנפערענץ איז אראָפּ מיט אאונגעהויערען ערפאָלג (אַ אויספיהרליכער בעריכט אין קומענדיגען נומער).



די למודי-קודש לעהרערינס אין די לאָדזער בית-יעקב-שולען
1) פרוי פאָגעל 2) פרל. סאבוטקא 3) פרל. שייער 4) פרל. פאָזנער 5) פרל. גליסקא 6) פרל. קנאָבלעוויטש

בּיליגע, שעהנע און גוטע וועש-אויסאַרבּייטונג:

**מעגער דאַמען קינדער - וועש**

**איבערציגען**

קונסט-מאַשין און האַנד-שטיקעריי

פאַרהאַנגען, קאַפּען, סטאָרען, עטאַמין און פּילע.

קאָנקורענץ-פּרייזען צוגענגליכע בּעדינגונגען

**M. REDLICH, ŁÓDŹ**

4 NOWOMIEJSKA 4

w podwórzu, lewa oficyna, II wejście, II piętro m. 43

בּעמערקונג: עמפּפעהלע גאַנצע אויסשטייערס.


---

צו דער חתונה פון דער ג׳ פרל. שטשערינסקאַ, ווי אויך צו דער חתונה פון פרל. חי׳ דאָבּראַ שיינמאַן, ווינשט אַ האַרציגען מזל-טוב.

רישא — מ. קירשענבּוים

---

אחותנו שצערנסקה! — יהיו כל ימי חייכם שרשרת של עושר ומאשר.

המורה: מרים טויבּע ווישקאָוו.

ובנות אגודת ישראל

---

צו דער חתונה פון פרל. מנוחה דאָבּריש קנאַבּלעוויטש (דוואַהרט) מיט ה׳ שמואל לעווענטהאַל (זאַוויערטשע) ווינשען אַ האַרציגען מזל-טוב.

זדונסקא-וואָלא — שוועסטערן קנאַבּלעוויטש: מלכּה קריגער, פּעריל שיליט, מאַכטשע ראָזענבּלאַט

---

א ברכה׳פולען מזל-טוב ווינשען מיר צו די חתונות פון אונזערע חברות: קיילא באָרנשטיין מיט ה׳ שלמה גערשענאָוויטש און רבקה ליחאָווסקאַ מיט ה׳ לוי יצחק לעווין — בּויט אייער צוקונפט אין אונזער אידעאַל.

זדונסקאַ-וואָלאַ

בּנות אַגודת ישראל

---

א הערצליכען מזל-טוב ווינשען מיר אונזער אַקטיווע חברה דבורה קליין צו איהר פערלאָבונג מיט ה׳ אַלטער מייערסדאָרף — אייער צוקונפט זאָל זיין געבּענשט מיט די רייכסטע בּרכות פון געטליכען אוצר.

פלוינסק — לעהרערין: שפרה לובּאָרט

בּנות אגודת ישראל

---

א הערצליכען מזל-טוב ווינשט איך מיין ליבּען בּרודער קלמן יונה נ״י צו זיין תנאים מיט פרל. חי׳לע סולעניצק — זאָל אייער לעבּענס-וועג בּעצירט זיין מיט רויזען און בּויט אייער הויז אין גייסט פון תורה ומסורה

וואַרשא — רבקה עלבּוים

---

אין נאָמענסטאָג פון אונזער לעהרערין פרל. שטייער תחי׳ ווינשען מיר דאָס איהר אייביג לעבּען זאָל זיין בּעציהרט מיט די בּלומען פון אונזער „בּית-יעקב״-אידעאַל.

קינצק — 3-טער און 4-טער קורס „בּית-יעקב״-שילערינס *

---

א האַרציגען מזל-טוב ווינשען מיר אונזער אַקטיווע מיטגלידערין פרל. ראָזענשטאָק צו איהר חתונה מיט ה׳ לייבּערשטיין (פּאַבּיאַניץ) זאָל דער אַלמעכטיגער אייער עתיד מיט פיעל בּרכות בּעגלייטען.

בּעלכאַטאָוו — בּנות אַגודת ישראל

---

מעומק לבבינו אנו מברכים ברכת מז״ט לחברינו הסגן יו״ר מר שמחה אַלבּעק נ״י לרגלי נשואי בּתו מרת דבורה תחי׳ עם החתן מר. אלי׳ נ״י לובּאַרט מלובּלין. יהי׳ עתידם מזהיר כּשמש בּצהרים.

בשם הועד בּית-יעקב בּדעמבּלין:
יעקב אַפּעלהאָט. יעקב פרידמאַן, יצחק אברבּאנעל

---

א האַרציגען מזל-טוב ווינש איך מיינע ח. צ. ק. שוויגער-עלטערן, ווי אויך מיין ל. צ. ק. שוועגערין טויבּע לוקסענבּורג (קראָקא) צו איהר פערלאָבונג מיט ה׳ מאיר האָרוויץ (לאָדז). ג-ט זאָל זיי געבּען פיעל גליק און אייביגע צופרידענהייט.

פּאַבּיאַניץ — צ. ראָטבּלאַט

---

צו דער חתונה פון אונזער בּנות-חברה פריידל טשאַרנאָבּראָדא מיט ה׳ גרויסמאַן ווינשט אַ בּרכהפולען מזל-טוב.

בּנות-אגודת-ישראל לעהרערין רייזל וואָלף

שרפּץ — פּאָרזיצערין: בּרכה גאָלדשלאַק

---

צו די חתונות פון אונזערע בּנות-שוועסטערן פּעריל ערדינאָסט מיט ה׳ פּינטשעווסקי (לאָדז) און ביילה קאָהן מיט ה׳ ווייגשטיין (זדונסקא-וואָלא), ווינשען מיר פיעל גליק צופרידענהייט און בּליהענדע צוקונפט.

שעראַדז — בּנות אגודת ישראל

---

רחל דזשעוויענצקא!

צו דיין תנאים מיט ה׳ ליפּע אייבּעשיץ ווינשען מיר: דיין גליק זאָל לייכטען, ווי דער אויפגייענדער זון פון בּנות אגודת ישראל.

סאָסנאָוויץ — פיינער און סקורניק

---

פון טיפען האַרצען דריקען מיר אויס אונזערע טיפע מיטגעפיהלען פון צער, אונזער ליבּער פריינדין הענדיל זילבּערבּערג. צום פריהצייטיגען טויט פון איהר פאָטער

**בּענדעט ע״ה**

אין דער הייליגער אַרבּייט פאַר בּית-יעקב זאָל דיך ג-ט טרייסטען.

לעהרערין: ה. שידלאָווסקאַ

גריצא — אַלע בּית-יעקב קורסען

---

משתתף אני בצערה של העלמה הנכבדה בת גדולים — גדול הדור הגאון רבי חיים ד״ר העליר מרת מרים לבית העליר לרגלי פטירת זקנה אחד המיוחד שמזקני אלופי ישראל לתורה ולתעודה הרה״ג

**אלכסנדר דיסקין ז״ל**

בפעולותיו הכבירות על שדה היהדות האמיתית תהינה בעדה למופת לכל ימי חלדה ושני חייה.

משה צינוביץ, וויסבּאַדען

---

דעם טיפסטען מיטגעפיהל דריקען מיר אויס אונזער הייסגעליבּטע פריינדין מ ר י ם ג ר אַ ב ס ק א צוליב׳ן טויט פון איהר

**מוטער** ע״ה

זאָל דער טרייסטער די טרויערנדע נאָך ציון, אויך דיך טרייסטען! דיינע טרייע:

וואַרשע. — רויזע, דינה, דאָבּע.

---

אונזער טיפסטען מיטגעפיהל דריקען מיר אויס אונזער אידעען שוועסטער מ ר י ם ג ר אַ ב ס ק א פון וואַרשא, צום טויט פון איהר

**מוטער ע״ה**

אין די הייליגע אַרבּייט פון בּנות אַגודת ישראל אידעאַל זאָל זי אַ טרייסט געפינען.

בּנות-אגודת-ישראל

וואַרשא. (גרופּע ציריל גליקזאָן)

Opłata pocztowa uiszczona ryczałtem
Cena 2 Zł.
RokVII zeszyt 4-5(50-51.)
ŁÓDŹ, Styczeń-Luty 1930
„BAJS JAKOW"
P.K.O. 65.613 ::
Adres Red. „Bajs Jakow"
Łódź, Aleksandrowska 28.
Telefon 109-77.

## דאנקזאגונג

דערמיט דריק איך אויס מיין הערצליכסטען דאנק די אלע, וועלכע האבען מיך גראטולירט צו מיין חתונה־טאג.

קראקא. לאצע וואמשיאוש.

---

צו דער חתונה פון דער אונערמידליכער קעמפערין פאר'ן „ב״י" און „בנות"־געדאנק פרל. ל. שטשעריינסקא מיט ה' וואציאוש ווינשען מיר א הארציגען מזל־טוב. איהר זאלט זוכה זיין צו בויען אייער עתיד אין אונזער הייליג לאנד!

גריצא. בנות־אגודת־ישראל
לעהרערין ה. שידלאווסקא

---

א הערצליכען מז״ט ווינשען מיר די איבעראל געשעצטע עסקנות פאר'ן „בית־יעקב" לאצע שטשעריינסקא צו איהר חתנה מיט ה' משה וואציאוש. זאל דער שטערן פון גליק אייער צוקונפט בעגלייטען.

ראטשאנוש
דער פרויען־קאמיטעט

---

א הארציגען מזל־טוב ווינשען מיר צו דער חתונה פון אונזער אידעען־שוועסטער פרל. לאצע שטשעריינסקא מיט הערין משה וואציאוש. אייער צוקונפט זאל געבויט ווערען אין גייסט פון אונזערע אידעאלען.

„בית־יעקב"־פרויען און מעדכען
ריגע ארגאניזאציע.

---

בברכת מז״ט חמה ולבבית למורתי היקרה מרת לאצא שצרינסקא ליום כלולתה עם מר אלימלך וואציאוש נ״י תתגעם שאיפותיה ההוכריות והרחניות ותזכה לבנות בית רם ונשא בישראל.

נאווא־גרודעק מנוחה אבאוויץ.

---

צו דער חתונה פון דער ג' פרל. ל. שטשעריינסקא, ווינשען פיל גליק אין איהר נייעם לעבענס־וועג.

איהרע שילערינס פון ראבקא
לאדז. שאלדאיעווסקא, ארבאך.

---

א הארציגען מזל־טוב צו דער חתונה פון פרל. ל. שטשעריינסקא. ווינשט
מיעחאוו־לובארטאווסק. פ. ל. זיידמאן

---

### מזל־טוב מורותינו!

ברכת מזל־טוב וב״חמה אנו מבורכות את מורותינו החביבה מרת לאצ שטשעריינסקא תחי' לנשואי' ואנו אומרות ההי' ביתה בנוי על שדי ה'הדות ותפרח להלאה עבודתה לטובת התארגנות "בית־יעקב" ו„בנות־אגודת־ישראל" תחת דגל התורה.

מורות „בית־יעקב"
ח. מיימין, ג. קוטנער, פ. חיטעלזאן, ט. מייטין, ר. שאפירא, ש. גריצהענדלער, ה. אונגער, ש. לובארט, פ. שרעמער.

---

א ברכה'פולען מזל־טוב און גליקליכע צוקונפט ווינשען צו דער חתונה פון פרל. שטשעריינסקא

געשוויסטער: שרה און יוטא בוים.
פשעדבאוש.

---

דער ליבער און געאכטעטער גרינדערין פון אונזער „בנות"־ארגאניזאציע פרל. שטשעריינסקא היינט פרוי וואטשאוש ווינשען מיר פיל גליק

סאסנאוויץ. לערערין: ב. עלענבערג
בנות אגודת־ישראל

---

אנו מבורכות בברכת מזל־טוב את מדריכותינו האהובה בות לאצע שטשעריינסקא. תורה עילה כשמש בצהרים.

דראבין. בנות־אגודת־ישראל
המורה: ח. מיימין

---

צו דער חתונה פון דער געעהרטער „בנות"־פיהרערין פרל. לאצע שטשעריינסקא ווינשען מיר א הערצליכען מזל־טוב.

טשעבין בנות־אגודת־ישראל

פרעזעסין מיניא שולדענפריי

---

דרוקעריי מ. ליבעסקינד

אליין
קארטען
דרוק זאכען
חי ביכער, ושורנאלען, צייטשריכטען
אין יודיש און העבעראיש
חי אויך מיט אויצע נקודות,
און מיט אותיות רש״י,
ווערען ביי'נער געזעצט
געמאכט מאטריצען און
געדרוקט אויף
גומע געויני
גוינגען אין
ביליג

—לאדז, קילינסקיעגא 50—

---

צו דער חתונה פון דער זעהר געשעצטער לאצע שטשעריינסקא מיט ה' וואציאוש, ווינשען מיר א הארציגען מזל_טוב

אייער צוקונפט זאל זיין מיט צופרידענהייט און גליק געבענשט.

וואלבראם בנות אגודת ישראל
בית יעקב ש'לערינס
לעהרערין רבקה זשורקאווסקא

---

צו דער חתונה פון אונזער אונערמידליכער טרעגערין פון דער בנות־פאהן און שטאלצער פיאנערין פון אונזער אידעאל לאצע שטשעריינסקא מיט ה' וואטשיאוש, ווינשען מיר פון טיפען הארצען מזל־טוב. איהר זאלט זוכה זיין ווייטער צו שפינען דעם גאלדענעם פאדים פון אמת'ן ישראל גייסט.

מלאווא בנות אגודת ישראל
לעהרערין: ז. בערלינער

---

א הארציגען מזל־טוב ווינשט צו די חתונות פון מיינע ערשטע תלמידות חי' שיינמאן מיט ה' ציטרין און מנוחה דאבריש קנאבלעוויטש מיט ה' לעווענטאל.

שרה שעניר־ער און אלע לעהרערין־קאנדידאטינס.

---

צו דער חתונה פון אונזער ג' לעהרערין פרל. חי' שיינמאן מיט ה' ציטרין, ווינשען מיר א הארציגען מזל־טוב.

אסטראווצע
א גרופע געטרייע שילערינס.

---

צו דער חתונה פון אונזער חברה ג' לעהרערין פרל. חי' שטיינמאן מיט ה' ציטרין ווינשען מיר א הערצליכען מזל־טוב און א גליקליכע צוקונפט.

אסטראוויעץ בנות אגודת ישראל

---

## אכטונג!

די אלע וואס שיקען איין אנאנסען און שיקען נישט באלד מיט דעם בעטראג — ווערען די אנאנסען נישט געדרוקט און אויך נישט געענטפערט.

דער פרייז ביז 20 ווערטער 3 זל. וויטערע ווערטער צו 20 גר.

Red. Lezer Gerzson Frydenzon | געזעצט: מ. ליבעסקינד, לאדז קילינסקא 50, | Tłocznia J. Djament, Łódź, Kilińskiego 50

בית יעקב-לודז/גליון/שנה ז/גליון a 050-051 הודפס מתוך הארכיון היהודי
עמוד 50 מתוך 50